STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01945

DI LIEBE

D. M. Hermalin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ליעבע

אַ פילאָזאָפישע בעטראַכטונג איבער די ווירקליכע געפיעלע
פון ליעבע אונד נאַטור׳ס צוועקמעסיגקייט.

פון

ד. מ. הערמאַלין.

פרייז 10 סענט.

דרוק אונד פערלאַג פון

די היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני,

83-85-87 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק.

נאטור'ס וואונש.

(אנשטאט א פאָררעדע.)

מיט א ווילען אונד לוסט לויפט דאס וואסער ארונטער פון דעם פעלזען אונד בעגעגענט זיך מיט דעם שטראָם אין טהאָל אונד בילדעט א פערמישונג.

ווען ד'ער שטיין, וועלכער פאלט פון א גרויסער הויכקייט, קומט נעהנטער צו דער ערד, ד'אן פאנגט ער אָן שנעלער צו פליהען אונד ער זעהט אויס אין זיך צו האבען א ווילען אונד א לוסט זיך צוזאמען צו קומען מיט דער ערד.

ווען צווייא בלימעלעך ביינגען אָן זייערע קעפּעלעך אונד אומארמען זיך מיט זייערע צווייגעלעך, דאן ציינט איינעם דעם ווילען אונד לוסט ארויס צו געבען דיא בעפרוכטונג פון זיך, אונד דאס צווייטע דיעזע בעפרוכטונג צו עמפפאנגען.

דאס טויבען־פּאאר, בעווייזט אזוי פיעל ליעבע אונד צערטליכקייט איינע צו אנאנדער, דאס מיר בלייבען שטעהען ערשטוינט פון דיעזער איבערגעבענהייט צו זיין צוזאמען, לעבען צוזאמען אונד געניעסען צוזאמען.

אום זיך צו פעראייניגען, צו ערפילען נאטור'ס וואונש, וועלען דיא דוממסטע חיות בעגעהען אונד דורכפיהרען דיא שארפזיניגסטע איינפעלע; אָבער נאטור'ס וואונש געהט ניט נאָר אזוי וויים, זאָנדערן ער האט אויך אנדערע אבזיכטען אונד שטרעבונגען: א וואונש, א לוסט, א פערלאנג בעהערשט אונד בעזועלט אלעס צו זיין צוזאמען, זיך פעראייניגען, זיך אומארמען, אונד — זיך צו ליעבען!

ערשטעס קאפיטעל.

וואס איז ליעבע ?

ווען מיר שטעלען זיך דיא פראגע : וואס איז ליעבע ? דאן ענטפערן מיר זיך אין דעם געוועהנליכען זינן פון אונזער ערפאהרונג, אז ליעבע קען הייסען דיא אנציהונג פון איין מענשען צום צווייטען, צו א געוויסען צוועק אין דער נאטור. אבער, ווען מיר קוקען זיך גוט איין אונד ווילען נעהנטער שטודירען דיעזעס געפיהל, דאן מוזען מיר זאגען, אז ליעבע איז אונגעפעהר וויא אונענדליכקייט, אהן־אנפאנג אונד עהנליכע אויסדריקע אין דער מענשליכער שפראכע, פון וועלכע מיר מאכען זיך בלויז איין אויבערפלעכליכען בעגריף, אבער מיר ווייסען ניט גענוי זייער ריכטיגע בעדייטונג.

מיר האבען געבראכט אלס ביישפיעל „אונענדליכקייט" אונד „אהן־אנפאנג," אום צו בעצייכענען געגענשטענדע פון וועלכע מיר קענען בלויז האבען א שוואכען בעגריף, אבוואהל מיר זיינען איבערצייגט, אז זייא עקזיסטירען אונד זיינען אין דער נאטור. אבער דער פערגלייך מיט ליעבע, איז, נאך אלעמען, ניט קיין ריכטיגער. מיר ווילען דערפאר אננעהמען עפעס עהנליכערעס, וויא צום ביישפיעל, דיא עלעקטריציטעט.

דיא מאדערנע וויסענשאפט האט אונז שוין געגעבען א ציעמליך גענויען בעגריף איבער דיא קראפט אונד מאכט פון עלעקטריציטעט. מיר ווייסען, אז עלעקטריציטעט קען ניט נאר פיהרען באהנען, טרייבען מאשינען, אונד טראגען אונזערע געדאנקען אין עק וועלט, זאנדערן, דאס עלעקטריציטעט האט אויך ווארעמקייט, ליכט אונד אנדערע אינטערעסאנטע אייגענשאפטען. אבער וואס איז עלעקטריציטעט אליין ? ווארום ווירקט זיא אזוי ? דורך וועלכער ארט ווערט זיא געטריעבען דיעזע ווירקונג צו מאכען ? אויף דיעזע אלע פראגען מוזען מיר אויפציהען מיט דיא אקסלען אונד ענטפערן : מיר ווייסען ניט.

מיט דער קראפט, מאכט אדער געפיהל פון ליעבע, איז אויך דאסזעלבע. מיר [illegible]ירען אונד ווייסען וואס ליעבע טהוט אויף אונד קען אויפטהון ; מיר בעגרייפען

איהר מאכט, איהר קראפט אונד איינפלוס, אָבער וואס ליעבע אליין איז, וויא אזוי זיא ווירקט, אויף וועלכער ארט אונד וויא זיא ווערט געטריעבען צו ווירקען, וויסען מיר ניט.

דיא מאָדערנע וויסענשאפט אבער, שטעלט זיך צופריעדען מיט דער גענויער פאָרשונג נאך דעם וואס מיר קענען וויסען אונד בעגרייפען. מיר שטודירען דאס אין דער עלעקטריצימעט, וואס מיר קענען בעגרייפען, אונד עס איז דאסזעלבע אויך מיט דער ליעבע; מיר ערפאָרשען דאס וואס מיר קענען אין איהר פערשטעהען.

גראדע אזוי וויא דיא עלעקטרישע קראפט האט אין זיך פיעלע אייגענשאפטען, אזוי איז אויך מיט דער ליעבע: זיא ווירקט אויף פערשיעדענע ארטען אונד האט צווייגען זיך אויסצובריימען אין איהרע אבזיכטען אונד שטרעבונגען.

דיא ליעבע, וועלכע איז אונז בעקאנט, פערטהיילט זיך אין פאָלגענדע קלאססען:

1) דיא ליעבע אָדער נייגונג פון דיא פלאנצונגען, מהיערע אונד אלעס וואס לעבט אָהן איבערלעגונג.

2) דיא ליעבע פון מענשען צו מהיערע;

3) דיא ליעבע פון מהיערע צו מענשען;

4) דיא ליעבע פון עלטערן צו קינדער;

5) דיא ליעבע פון קינדער צו עלטערן;

6) דיא ליעבע פון מאן צור פרוי;

7) דיא ליעבע פון פרוי צום מאן;

8) דיא ליעבע צור געזעלשאפט אָדער פריינדשאפט;

9) דיא ליעבע צו שעהנהיים אין דער נאטור;

10) דיא ליעבע צו מוזיק.

דיעזע צעהן ארטען ליעבע, שיינען צו זיין זעהר פערשיעדען איינע פון אנאנדער, אונד דאָך, נאך א ריכטיגער בעטראכטונג, געפינען מיר אויס, אז זייא שטאמען פון איין קוועלע אונד האבען אויך איין אבזיכט אָדער ציעל.

אלע ליעבעס האבען דעם צוועק פון עקזיסטענץ, פון לעבען אונד זיין אין דער פאָרמע וויא דיא נאטור בילדעט אונז אויס. דיא ליעבע ערשיינט נאָר אין פערשיעדענע ארטען לויט דיא פערשיעדענע אומשטענדען, אָבער זיא איז אימער דיע־זעלבע איינציגע קראפט אין דער נאטור, וועלכע ווערט רעגולירט נאך א געוויסעס

נאטור־געזעטץ, צו ווירקען פיר דער פאָרטפּלאנצונג (קיום המין) פון אלעס וואס לעבט אונד עקזיסטירט.

דיא ליעבע האט אָבער ניט נאָר געזאָרגט פיר דער פאָרטפּלאנצונג פון א צווייטען דור, זאָנדערן זיא האט אויך דיא עובדא צו בעזייטיגען אָדער אָבשוואכען דאס אונאנגענעהמע אין אונזער לעבען. ווען שמערץ, נויט, פערצווייפלונג אונד בימערע קראַנקהייט האט אונז ארום געריגנעלט, דאן ערשיינט דיא ליעבע אונד צייגט אונז וויא שעהן אונד אנגענעהם דיא וועלט איז, אונד מיר בעשליסען ניט נאָר ווייטער צו לעבען, זאָנדערן מיר קעמפּפען מיט אלע מעגליכקייטען ווייטער צו עקזיסטירען אונד מיר זוכען צו בעזייטיגען דיא שמערצען.

ווארום איז דאס ? עס איז בלויז דערפאר, וויל דיא נאטור וויל מיר זאָלען לעבען. דאס לעבען, אָהן דיא פערשיעדענע פאָרמען פון ליעבע, וואָלט פאר אונז אלזאָ גאר קיין ווערטה געהאט. מיר מוזען אלזאָ זאגען, אז לעבען איז ליעבע, אונד דיא ליעבע איז דאס לעבען.

צווייטעס קאפּיטעל.

בּלינדע נייגונג.

דיא באָטאניק אין דיא וויסענשאפט וואס לערענט אונז איבער דער נאטור פון דיא פּלאנצונגען. זיא איז זעהר איין אינטערעסאנטע וויסענשאפט, אונד האט פאר אונז ענטריסען מאנכע זעהר וויכטיגע געהיימניסע אין דער נאטור.

דיא נאטור איז פול מיט לעבע, דאס ווייס שוין יעדער וואס האט זיך אינטערעסירט מיט נאטור וויסענשאפט. עס גיבט קיין ווינקעל, קיין שפּעלטעלע אין דער גרויסער אונענדליכקייט, וואו עס איז ניטאָ קיין לעבען. דאכט זיך דער קאָלטער גראנאט־שטיין וואס ליעגט אויף איין פּלאטץ זייט צעהנדליגער טויזענדער יאָהרען, איז טויט אונד האט אין זיך קיין לעבען. אָבער דאס איז ניט דער פאל. דיעזער קאלטער גראנאט־שטיין ענטהאלטעט אויך לעבען אין זיך. עס איז א לעבעדיגער קראפט וואס האלט צוזאמען זיינע קליינע שטיקעלעך זאמד; עס איז א לעבעדיגער קראפט וואס ווירקט פון דער ערד אויף איהם אונד פון איהם אויף דער ערד, אונד עס איז א לעבעדיגע קראפט וואס וועט איהם אמאל אויפלעזען אונד פערוואנדלען אין איין אנדערע פאָרמע.

עס איז אלזאָ קיין וואונדער, דאס ווען דער שטיין האט אין זיך לעבען, אז א בוים, א בלום אונד א שטיקעל גראז האבען אין זיך אויך לעבען. מיר זעהן וויא זייא

ענטשטעהען פון קערענדלעך, וואקסען, בליהען, ווערען גרויס אונד פער־וואנדלען זיך.

אָבער דיעזע ארט לעבען אין דעם שטיין אונד אין דער פלאַנצונג, האט אין זיך נים קיין בעוואוסטזיין פון דער אייגענער עקזיסטענץ, אָדער, בעסער געזאגט, זייער בעוואוסטזיין (אויב זייא האבען יא אזא געפיהל,) איז געוויס נים וויא דאס בעוואוסטזיין פון דעם מענשען מיט א געהירן צום דענקען, וועלבער זאגט: „איך דענק, אלזאָ עקזיסטיר איך.“

אונד טראָטץ דיעזען אונבעוואוסטזיין, דיעזעס אויספעהלען פון אזא בעגריף וויא מיר, מענשען, האבען, בעזיטצען דיא פלאַנצונגען באלד אזא נייגונג וויא מיר מענשען אין דעם געפיהל פון ליעבע צום צוועק פון פאָרטפלאַנצונג.

מיר וועלען דאָ ברענגען א פּאאר ביישפּיעלע פון דיא בלומען.

מאנכע בלומען וואס וואקסען אויף טרוקענע פּלעטצער, האט מען אין זייא אויסגעפונען מענער אונד פרויען; דאס הייסט, אזעלכע וואס ענטהאלטען אין זיך א בעפרוכטונג, וועלכע געבען איבער דיעזע בעפרוכטונג צו א צווייטע, אונד דיעזע צווייטע טראגט דערפון אזעלכע פריכטע אום עס זאָל דאן דערפון קענען ענטשטעהען א בלום עהנליך צו דעמזעלבען מין.

דאס וואונדערבארע אָבער בייא דיעזער בעפרוכטונג איז, וואס צור צייט, ווען דיא מענליכע־בלום דאַרף איבערגעבען איהר בעפרוכטונג צו דער וויבליכע־בלום, בליהען אויף ביידע אין זייערע שענסטע פארבען. באָטאניקער רופען עס „דיא חתונה קליידער.“ דיא איבערגעבונג פון דער בעפרוכטונג איז גראדע אזוי פער־שיעדען וויא דיא בלומען אליין זיינען פערשיעדען. מאנכע בלומען בייגען זיך צו איינע צו אנאנדער אונד פערבלייבען בעהעפטעט ביז דיא בעפרוכטונג געהט איבער פון איינער צו דער צווייטער; בייא אנדערע זיינען פערהאנדען אזעלכע פליעגעלעך, וועלכע, זויגענדיג דעם זאפט פון דיא בלומען, טראגען זייא דערוויל איבער דיא בעפרוכטונג פון איין בלום צו דער צווייטער; בייא א טהייל געשעהט דיא בע־פרוכטונג דורך דעם ווינט, וועלכער הויבט אויף אזא שטויב פון דער מענליכע בלום אונד טראגט עס צו דער וויבליכע. בייא בלומען וואס וואקסען אין נאסקייט אָדער אין וואסער, האט דער שטראָם דיא עובדא איבערצוטראגען דיא בעפרוכטונג.

עס איז ראטזעלבע פון אלעס וואס וואקסט אונד בליהט אין דער נאטור. עס עקזיסטירען צווייא מינים, וועלכע בעפרוכטען איינער דעם צווייטען, אונד דאס געשעהט דורך א ליעבענסווירדיגער אָדער צונייגענדער בעריהרונג.

יעטצט געהען מיר איבער צו דיעזע טהיערע, וועלכע האבען בלויז דעם פארצוג איבער דיא פלאנצונגען, דערמיט וואס זייא קענען זיך בעוועגען פון פלאטץ צו פלאטץ, אבער, אין דער וואהרהייט געשפראכען, האבען זייא ניט פיעל מעהר אויסגערעכענטע נייגונג אין זיך וויא דיא בלומען.

דער ים ענטהאלטעט מאנכע חיות, וועלכע זיינען איינפאכע שטיקער פלייש, אהן א פארמע אונד אהן אירגענד איין אויסבילדונג פון א קערפער. מיר ווע‌לען נעהמען אלס ביישפיעל דעם דזשעלי־פיש, וועלכער זעהט ניט אויס מעהר וויא א שטיק שוואם. דיא נאטור־פארשער, וועלכע האבען געקענט אונטערשיידען דעם מין אין דיא בלומען, האבען נאך, ביז צור געגענווערטיגער צייט, ניט געקענט אויסגע־פינען אין מאנכע פון דיעזע דזשעלי־פיש, דעם מין. נאר פון געוויסע אומשטענדען אורטהיילען מיר, אז זייא זיינען אויך איינגעטהיילט אין זכרים אונד נקבות. ווען דיא צייט קומט פון דער בעפרוכטונג, דאן ווערט זיך דיעזעס שטיק חומר אנפאנגען צו בעוועגען אונד זיך קייקלען מיט דעם שטראם אזוי לאנג, ביז עס וועט בעגעגענען איין אנדערעס שטיק חומר פון דעמזעלבען מין. ווען דאס איז א זכר מיט א נקבה, דאן פאלגט א פעראייניגונג פון וועלכער עס ענטשטעהט א בעפרוכטונג.

אלע ארטען פיש אין וואסער, שרצים אונד רמשים, טהון דאסזעלבע. דאן פאנגט אן דיא פעראייניגונג אונטער דיא פערשיעדענע מינים טהיערע אויף דער ערד, וואס ווערט אויף איין עהנליכען אופן דורכגעפיהרט.

מיר ערבליקען אלזא, אז אלעס וואס לעבט, בעוועגט זיך אונד עקזיסטירט אין געוויסע לעבענדע פארמען, איז בעזועלט מיט דעם וואונש פון א ליעבעס פער־איינינונג, וועלכעס האט דעם איינציגען צוועק אום צו פראדוצירען דעם מין.

אבער האט דיעזע פעראייניגונג בייא דיא פלאנצונגען, פיש, שרצים, רמשים אונד טהיערע אירגענד א זעלבסטבעוואוסטזיין אין זיך, אז דאס איז צום צוועק פון פארטפלאנצונג? דארויף מוזען מיר ענטפערן: ניין. דאס זעלבסטבעוואוסטזיין צום צוועק דער פארטפלאנצונג ליעגט נאר אין דער נאטור, אבער דיא ברואים בעזיטצען מעהר ניט וויא א בלינדע נייגונג צו ערפיללען נאטור׳ס וואונש.

אונד וויא איז ביים מענשען? איבט ער אויך אויס זיינע ליעבעס־געפיהלע דורך א בלינדער נייגונג? דעם ענטפער אויף דיעזער פראגע, וועלען מיר געפינען אין אונזערע וייטערע שילדערונגען.

דריטעס קאפיטעל.

מענשען אונד טהיערע.

דאס געזעטץ אין דער נאטור, צור פארטפלאנצונג פון דעם מין, ליעגט ניט, וויא עס שיינט, בלויז אין דער פעראייניגונג צווישען דיא מענליכע אונד ווייבליכע געשלעכטער. דיא נאטור וויל אויך, אז איין בריאה זאל רחמנות האבען אויף דער צווייטער, כדי דער שטארקערער אדער קליגערער זאל מיט זיין מאכט אדער חכמה, ניט טויטען דעם צווייטען.

מיר ערבליקען דערפאר אין דער נאטור, א היבשע ביסעל נייגונג פון מענשען צו פערשיעדענע ארטען טהיערע. מיר זעהען נאך מעהר, אז דער מענש געפינט מיטלען וויא אבצושוואכען דיא ווילדקייט אין געוויסע טהיערע אונד זייא מאכען פאר זיינע קאמפאניאנען אונד ליעבלינגע.

עס איז אייך דערזעלבער פאל אומגעקעהרט, דאס דיא טהיערע שפירען א פריינדשאפטליכע נייגונג צום מענשען. מיר דארפען דא נאר אנרופען דעם ביישפיעל פון דער פריינדשאפט וואס הערשט צווישען מענש, הונד אונד פערד. דאס איז גענוג צו בעצייכנען דעם וואונש אין דער נאטור, אז זיא זוכט דאס פריעדליכע לעבען אונטער אלע מינים חיות.

עס איז א טהאטזאכע, אז הונד־פלייש אונד פערד־פלייש, זיינען גאנץ גוטע שפייזען, אבער הינט אונד פערד, דעם מענשען'ס פריינדע, האבען מיט דיעזער פריינדשאפט פאר זיך אויסגעווירקט, אז דער מענש זאל זייא ניט שלאכטען צו זיין שפייז־צוועק.

דאסזעלבע איז מיט פיעלע פייגעל, וועלכע מיר האלטען אין אונזער מיטע ניט צום צוועק פון שפייז; זאנדערן אום זייער פריינדשאפט צו געניעסען.

א קאטץ, וועלכע איז אפילו וועניגער פריינד דעם מענש וויא א הונד, איז זיא דאך בייא דעם מענשען אזוי היימליך, אזוי צוגעצויגען צו איהם דורך איהר ריינליכקייט אונד וואהנען צוזאמען, דאס זאגאר גאנץ אלטע פעלקער האבען שוין אויפגעהערט צו געניעסען קאטצען־פלייש, אבוואהל זייא האבען זאנסט געגעסען אלעס וואס לעבט.

אבער דיא פריינדשאפט פון מענשען אונד טהיערע, האט אין־דער נאטור נאך איין אנדערן צוועק.

עס איז א טהאטזאכע, אז דיא ערד איז דיא מוטער פון אלעם וואס לעבט אונד עקזיסטירט, אונד עס איז אלזא קיין סוד ניט, אז דער מענש איז דערזעלבער

יחסן וויא דער הונד.ביידע שטאמען פון איין קוועלע אונד ביידע קומען פון איין פלאטץ. דער אונטערשיעד איז בלויז, וואס אומשטענדען אין דער נאטור האבען איינעם אזוי אויסגעבילדעט אונד דעם צווייטען אנדערש.

אין נאטור׳ס וואונש צו דער פארטפלאנצונג, בעמערקען מיר, אז זיא האט ניט געוואלט דערבייא אונטערשיידען קיין מינים; זיא האט בעטראכטעט אלעס וואס לעבט, אז דאס שטאמט פון איין מין — לעבעדיגע ברואים וואס האבען דעם צוועק צו לעבען.

דיעזער וואונש פון פארטפלאנצונג אהנע אונטערשיעד פון מין, האט אבער געשאפען זעהר פיעלע מינים. ווען מיר בעטראכטען דיא קאטץ, דאן מוזען מיר זאגען, אז דיא גרויסע ווילדע וואלד־קאטץ, דער לעאפארד, טיגער, פאנטהער, אונד אונצעהליגע אנדערע מינים פון דעם קאטצען־געשלעכט, האבען בעלאנגט אנפאנגס צו איין מין, נאר דיעזער מין האט זיך פעראייניגט אין ליעבע מיט אנדערע מינים, אונד עס זיינען געשאפען געווארען נייע מינים.

דער געוועהנליכער אקס פון אונזערע בויערן, דער שווארצער אקס, דער ביפעל אקס אונד זאגאר דער רהינאצערוס, שטאמען פון איין מין אונד זיינען דאך פער־שיעדענע מינים.

דערזעלבער פאל איז מיט דיא צאהלרייכע מינים שאף, ציגען אונד אנדערע טהיערע. עהנליכעס האט פאסירט מיט דעם מענשען, אונד דער ראסען־רעזולטאט בעווייזט עס גאנץ דייטליך.

אט דיעזע ראסען־פערמישונג לעבט נאך אונד עקזיסטירט עד־היום אונטער דיא ברואים. מיר זעהען וויא א לייב פעראייניגט זיך אין ליעבע מיט א טיגערין, א פערד מיט איין עזעל, א. ז. וו. דיעזער וואונש פון דער נאטור, זיך צו פעראייניגען אין ליעבע, איז אויף אזוי וויט א בלינדע נייגונג, דאס זאגאר דער קלוגער מענש בענעהט עס. דיא שילדערונג פון משכב־בהמה בייא אלע פעלקער, איז א גוטער בעוויז דאפיר.

נאטור׳ס בלינדע נייגונג צו ערפילען איהר צוועק, ווערט מאנכע מאל נער־טריעבען ביז צו דער העכסטער שטופע פון נאטור׳ס איין אונבעוואוסטעס ווערק־צייג. ניט נאר אונטער דיא טהיערע קומט פאר משכב נקבה מיט נקבה אונד משכב זכר מיט זכר, זאנדערן אויך אונטער מענשען.

דיעזעס ליעבע־פייער ברענט מיט דיא גרעסטע פלאמען אונד וועט אלעס מעגליכע טהון נאטור׳ס וואונש פון ליעבע אין ערפיללונג צו ברענגען.

עס איז א גרויסעס געהיימניס אין דער נאַטור, וואס איז אונז שווער צו בעגרייפען, וויא אזוי ליעבעס־פעראייניגונגען געשעהען, וועלכע האבען, וויא עס שיינט, נאר ניט דעם צוועק פון פאָרטפּלאַנצונג. עס זעהט אויס, גלייך וויא דיא נאַטור האט בלויז געגעבען דעם וואונש צו ליעבע פיר פאָרטפּלאַנצונג, אונד זיך פערגעסען צו בעוואָרענען, אַז קיין צוועקלאָזע ליעבעס־פעראייניגונג זאָל ניט געשעהען.

דיא מאָדערנע פאָרשער, ערקלערען דאס אויף דיעזער אַרט: זייא זאגען, אַז פון אנפאנג דער ענטשטעהונג, זיינען ניט געוועזען קיין אָבגעטהיילטע מינים, זאָנדערן דיא מינים זיינען אויסגעבילדעט געוואָרען לויט דיא בעדירפניסע. נאך יעטצט, זעהען מיר, אַז בייא דיא ביענען, קען ווערען פון איין איי וואס דיא ביענען־קעניגין לייגט, ענטוועדער א זכר, אָדער א נקבה, אונד עס הייננט בלויז אָב פון דיא שפּייזען אונד אומשטענדען פיר דער אויסוואַרמונג פון דיעזען איי.

דערפאר אָבער, פערענטפערט אויך דיא נאַטור, אין מאנכע בעציהונגען, איהרע טהאטען. א לייב וועט זיך נאָר דאַמאלס פעראייניגען מיט א טיגערין, ווען דער ליעבעס־וואונש ערשיינט אונד ער האט ניט קיין נקבה פון זיין מין צו ערפיללען זיין לוסט. דאסזעלבע איז אויך צווישען פערד אונד איין אייזעל, אונד פון א מענש מיט א מהיער. נאך מעהר, דער וויסער מאַן וועט זיך נאָר דאַמאלס פעראייניגען מיט א נענערין, אָדער דיא וויסע פרוי מיט א נעגער, ווען דיא זכרים אונד נקבות געפינען גראדע ניט קיין פאסענדע געלעגענהייט פיר זייער ראסע.

נאך אַלעמען בלייבט אָבער נאך אימער דיעזע אוננאַטירליכע ליעבעס־פעראייניגונג א געהיימניס. פון איין זייט זעהען מיר, אַז דיא נאַטור וויל ניט וויסען פון קיין מינים אונד זוכט פון אַלע מינים צו שאַפען איין אויסמישונג, אונד פון דער צווייטער זייט זעהען מיר א וואונש צור אבטהיילונג אָדער אָבקלייבונג פון פאסענדע מינים.

פיערטעס קאַפּיטעל.

עלטערן ליעבע אונד קינדער ליעבע.

דיא ליעבע פון עלטערן צו קינדער, איז איין אינטערעסאַנטעס געפיהל ווערטה צום שטודירען.

מען האט אמאל געגלויבט, אַז עלטערן ליעבען קינדער דערפאר, ווייל עס איז „איין בלוט אונד פלייש.‟ אָבער דיעזער גלויבען איז א פאלשער. מיר האבען בייגעוואָהנט אין לעבען, דאס ווען א קינד ווערט גאנץ יונג אוועק גענומען פון דיא

עלטערן אונד ווערט ערצויגען אזוי אין אנדערן פלאטץ, ניט אין זייער געגענוואַרט, אונד ווען מען ברענגט דאן דאס קינד צוריק, שפירען דיא עלטערן דיזעלבע ליעבע צו „זייער אייגענעס בלוט אונד פלייש," וויא צו אירגענד איין אנדערעס קינד פון גאַנץ פרעמדע עלטערן.

דאַגעגען אָבער, ווען דיזע עלטערן, האבען געהאלטען א הונד אין שטוב א היבשע צייט, שפירען זייא מעהר ליעבע צו דיזען הונד, וויא צו זייער קינד וואס איז ניט געווען אין זייער געגענוואַרט.

ווידער האבען מיר בייגעוואוהנט, ווען א פרעמדעס קינד ווערט ערצויגען ביי א געוויסע פערזאָנען, איז דיא ליעבע צום פרעמדען קינד גראדע אזוי גרויס, וויא צור צייט ווען דאס וואָלט געווען איין אייגענעס.

דאס אלעס בעווייזט אלזאָ, אז מיר ליעבען ניט דיא קינדער וויל זייא זיינען „אונזער בלוט אונד פלייש," זאָנדערן וויל זייא ווערען אויפגעצויגען מיט אונז אונד מיר ווערען מיט זייא געוואָהנט.

אָבער וואס פאר א צוועק האט דיזע ליעבע? צו וואס פאר א רעזולטאט פיהרט זיא? דער ענטפער דארויף איז, אז דער צוועק פון קינדער ליעבע בע־שטעהט אין דעם, וואס דיא נאטור וויל, דאס דער שטארקער זאָל שיטצען דעם שוואכערען.

מיר ליעבען קינדער, אונגעאַכטעט דארויף וואס זייא זיינען „אונזערע" אָדער „פרעמדע," בל־זמן מיר ווערען נאָר געוואָהנט מיט זייא, בלויז דערפאר וויל זייא בענעטהיגען אונזער שוטץ אונד אונזער בעאָבאַכטונג.

אָבער, טראָטץ דעם וואס קינדער בענעטהיגען אונז מעהר וויא מ ר זייא, ליעבען זייא אונז וועניגער וויא מיר ליעבען זייא. א קינד, מיט זיין גאנצער צערט־ליכקייט צו דיא עלטערן, וועט ניעמאלס אזוי פיעל אָפּפערן פאר עלטערן, וויפיעל עלטערן זיינען אימשטאנדע צו אָפּפערן פאר איהם.

דיא אורזאכע דערפון איז, וויל בל־זמן דיא קינדער זיינען יונג, זיינען זייא אונז ניט אימשטאנדע פיעל צו העלפען, אפילו ווען מיר בענעטהיגען זייער הילפע, אונד, ווען זייא ווערען גרויס, דאַן טרעטען איין צווייא אנדערע פראָצעסען וואס דערווייטערן זייא נאָך מעהר פון אונז. ערשטענס דארפען זייא געבען זייער ליעבע צו זייערע אייגענע קינדער, אונד צווייטענס דערנעהנטערן מיר זיך צו דער צייט ווען מיר מוזען שטארבען אונד קיין נוטצען ברענגען דער וועלט. דיא נאטור פאָדערט אונזער טויט, אונד דערפאר נעהמט זיא פון אונז אוועק דיא בליהונגס־קראַפט, אונד פיהרט אונז לאַנגזאם צום קבר וואו ליעבע איז מעהר ניט נויטהווענדיג.

אָבער עס איז דאָ נאך א מערקווירדיגער פאַל פון עלטערן־ליעבע אונד קינדער־ליעבע.

מענשען וואס האבען קיינע קינדער, שפּירען איין אונגעהייערע נייגונג צו האבען קינדער, צו בעזיטצען קינדער, פאר זייא צו זאָרגען אונד זייא ערנעהרען אונד ער־ציהען. דיעזעס געפיהל איז א נאטור־וואונש, וועלכע פערלאנגט מיר זאָלען פּראָ־דוצירען אונזער מין, אָבער דאס וויכטיגע דערביי איז, וואס קינדערלאָזע מענשען שפּירען מעהר ליעבע צו פרעמדע קינדער, וויא עלטערן וואס האבען שוין אייגענע קינדער. דיא אורזאכע דערפון איז, וואס עלטערן, וועלכע האבען קינדער, קאָנצענט־רירען זייער ליעבע אויף איין פּלאַטץ אונד זוכען נאָר צו זאָרגען פיר זייערע אייגענע, וועהרענד דיא ליעבע, וועלכע געפינט זיך אויף אין קינדערלאָזע מענשען, פליעסט ארויס צו אַלע קינדער גלייך.

אזעלכע וואס פּראָפּאגאנדירען פרייע ליעבע, בעהויפּטען דערפאר, אז ווען מיר זאָלען ניט וויסען גראדע פון אָבגעטהיילטע קינדער, „מיינע" אונד „דיינע," וואָלט דאן אונזער ליעבע זיך אויסגעברייטעט צו אַלע קינדער גלייך, אונד, אנשטאט צו זאָרגען פיר א פּאאר „אייגענע," וואָלטען מיר געזאָרגט פיר אַלע צוזאמען.

ווען א קינד, וואס האט ניט קיין עלטערן אונד געפינט אויך ניט קיין „שטיף־עלטערן," דאן בלייבט דיא ליעבע פון זיין הערצעל פלאַמערענד אונד קען קיין אָרט געפינען. מיר בעגעגענען זעהר אָפט דיעזע פעלע אונטער קינדער פון פינדעל־הייזער, וואו זייא האבען יעדעס מאָל אנדערע ערציהער. אין דעם הארץ פון אזא קינד ברענט דער וואונש יעמאנדען צו פערשענקען דיעזע קינדער־ליעבע.

דיא קינדער־ליעבע, וועלכע האט דאכט זיך גאר קיין בעדייטונג, האט דאָך דעם צוועק, אז עלטערן אָדער ערציהער, זאָלען מעהר זאָרגען פאר דיא קינדער אונד מאכען איין אויסטויש פון ליעבע. מיר ליעבען דאן דאס קינד מעהר, וועלכעס ליעבט אויך אונז.

אָבער דאס קינד פון א פינדעל־הויז, צייגט נאך א וואונדערבארע זאך. דיעזעס קינד קען ליעבען כמעט גלייך צעהן „טאטעס" אונד צעהן „מאמעס," זאָלאנג דאס ווערט געוואָהנט צו דיעזע מענשען א היבשע צייט אונד געניעסט פון זייא א געוויסען גראד צערטליכקייט אונד ליעבע.

דאס איז ווידער איין ארגומענט פיר דיא פּראָפּאגאנדירער פון פרייער ליעבע, אז מיר קענען געליעבט ווערען פון אירגענד א קינד אין אויסטויש פון אונזער ליעבע.

אונד דיעזע אלע ליעבעס צוזאמען, זיינען בלויז צום צוועק אום צו פערזיכערן די עקזיסטענץ.

פינפטעס קאפיטעל.

ערוועקונג פון געשלעכטליכער ליעבע.

אלזא, עלטערן ליעבען קינדער, כדי זייא זאָלען קענען פאר זייא זאָרגען אונד זייא ערציהען; קינדער ליעבען עלטערן, כדי די עלטערן זאָלען זייא מעהר ליעבען.

דיעזע ליעבע ווערט אָבער גראדענווייז אָבגעקיהלט צו דער צייט וואס די גייע וואָרצלען, די קינדער, פאנגען אָן צו בליהען אונד זיך ענטוויקלען אום צו פראָדוציִרען זייערע אייגענע פרוכט.

מיר מיינען דערמיט די צייט, ווען אין די קינדער פאנגט זיך אָן צו ערוועקען די געשלעכטליכע ליעבע; דאמאלס ווען דער וואונש פון פעראייניגונג, צווישען זכר אונד נקבה, הויבט אָן זיך צו שפירען.

די ערוועקונג פון דער געשלעכטליכער ליעבע איז אזוי פערשיעדען אונטער די מענשען, גראדע וויא אונטער די חיות, אָבער, דאס הייננט איבערהויפט אָב פון דעם קלימאט, די ענטוויקלונג אונד די אומשטענדען.

וויא געוועהנליך ווייסען מיר, אז די ערוועקונג פון געשלעכטליכער ליעבע אונטער מענשען, קומט פריהער אין די ווארעמע לענדער. אין מאנכע פלעטצער קומט זיא בייא דער נקבה צו 10 אונד 11 יאָהר, אונדביים זכר אויך צו דערזעלבער צייט, אָדער עטוואס שפעטער. אין קאלטע לענדער קומט זיא בייא דער נקבה צום 15־טען, 16־טען אונד אויך ערשט צום 21־טען יאָהר. ביים זכר אויך אונגעפעהר צו דערזעלבער צייט.

די נאטור דארף ניט מען זאָל זיא וועקען; זיא ערשיינט מיט איהר ווילען צו דער פאסענדער צייט.

אָבער די מענשען וועקען מייסטענטהיילס דיעזע ליעבע פאר דער צייט. בייא די רייכע אונד בייא די אָרעמע ווערט זיא געוועקט דורך דיעזע, וועלכע זיינען שוין ערפאהרען אין געשלעכטליכער ליעבע אונד דורך אנדערע אורזאכען.

בייא א רייכען קומט עס פון צו גוט עסען פערשיעדענע אויפרעגענדע שפייזען אונד גאר ניט ארבייטען מיט'ן קערפער, אונד בייא די אָרעמע דורך וואָרזער, געשפרעכע אונד מייסטענטהיילס דורך דעם בייוואָהנען וויא א געשלעכט ליבע פעראייניגונג קומט פאָר.

דאס בויערן־מעדכען, וועלכע ארבייט שווער אין פעלד, קומט אהיים פון איהר הארעוואניע אונד לעגט זיך אוועק שלאפען געשמאק אונד הערט ניט אין איהרע רוהיגע מאמענטען קיין געשפרעך איבער געשלעכטליכער ליעבע אדער זיא זעהט דאס ניט, ערוועקט זיך דאס געפיהל ערשט דאמאלס, ווען דיא נאטור האט פאלקאמען געצייטיגט איהר קערפער דערפאר. בייא א מעדכען פון וואהלהאבענדע עלטערן, וועלכע ארבייט ניט, געניעסט שארפע שפייזען אדער געטרענקע אונד ווארעמט זיך צו לאנג אויף איהר ווייכעס בעט, ערוועקט זיך דיא געשלעכטליכע ליעבע פריהער, איידער איהר קערפער האט זיך געצייטיגט פאלקאמען דאפיר. דאסזעלבע איז אויך מיט זכרים.

אבער דיעזע צייט דער ערוועקונג, בעצייכענט דעם מענשען׳ס שטירמישע פעריאדע אין ליעבענדער פעראייניגונג.

דער מענש איז א מערקווירדיגעס טהיער מיט דיא מערקווירדיגסטע ליעבעס־געפיהלע. כמעט אלע פיש, שרצים, רמשים, חיות אונד פייגעל, האבען געוויסע פעריאדען פיר געשלעכטליכער ליעבע. ווען דיעזע פעריאדע געהט פאראיבער, איז עס גראדע וויא מיט דער בעפרוכטונג פון דיא פלאנצונגען, יעדעס קעהרט צוריק צו דער אלטעגליכער בעשעפטיגונג פון ־לעבען אהן געשלעכטליכער ליעבע. דער האהן, קענען מיר זאגען, איז איין עוף, וועלכער בענעטהיגט מעהר געשלעכטליכע ליעבע וויא אנדערע עופות, אונד ער איז אימשטאנדע דיעזע צו געברויכען צעהן מאנאט דורך דעם יאהר. דאך האט ער רוהע־צייטען אונד איבערהויפט דיא נאכט, איז פיר קיין אויסאיבונג פון געשלעכטליכער ליעבע.

דער מענש אבער, האט אין זיך מעהר געשלעכטליכע ליעבע וויא אלע אנדערע חיות וואס זיינען אונז בעקאנט. ער קען דיעזע ליעבע אויסאיבען אלע 12 מאנאט אין יאהר, בייא טאג אונד בייא נאכט. נאך מעהר, דיא נקבה אונטער דעם מענשען־מין, קען געברויכען דיא געשלעכטליכע ליעבע זאגאר דאן, ווען זיא האט שוין ערפיללט דעם צוועק פון דער נאטור אונד איז שוואנגער געווארען.

לויט דער איינריכטונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט, קען ניט אימער דיא געשלעכטליכע ליעבע אויסגעאיבט ווערען צו דער צייט פון איהר ערוועקונג. א מיידעל קען ניט הייראטהען גראדע דאמאלס ווען זיא וויל, ווייל זיא געפינט גראדע ניט קיין פאסענדען חתן, אונד דאסזעלבע איז אויך מיט דעם זכר.

דיא נקבות אונטער דעם מענשען־מין, זיינען אבער מעהר אונטערווארפען צו ליידען פון דעם דרענגען פון געשלעכטליכער ליעבע ; ערשטענס, דורך דיא מענשליכע

איינגעפיהרטע מנהגים, אונד צוויטענס, דורך א מערווירדינען צייכען דער נאטור וואס איז זייא נעגעבען געוואָרען.

דער צייכען פון יונגפרוישאפט ערלויבט איהר ניט צו האבען געהיימען אומ־גאנג מיט מענער, ווייל זיא האט מורא, אז דאס וועט זיא נאכהער ערניעדריגען אין דיא אויגען פון דעם מאן צו וועמען זיא ווערט אוועק געגעבען, אָדער זיא גיבט זיך אוועק אלס פרוי. דאס מעדכען האט אויך מורא, אז זיא וועט טראָגען דיא פריכטע פון ליעבע, פאר דער צייט וואס דיא געזעלשאפט ערלויבט, דאס הייסט, איידער א צערעמאָניעלע חתונה קען שטאטפינדען. זיא איז דערפאר געצוואונגען צו ליידען. דיא נאטור דרינגט אונד פערלאנגט איהר וואונש זאָל ערפיללט ווערען, אונד דאדורך ווערען מיידלעך שוואך, קראנק אונד ליידענד דורך דיא אוננאטירליכע ער־פיללונגען פון נאטור'ס וואונש.

מיט דעם זכר פון דעם מענשען־מין, איז עס שוין ניט אזוי שווער. ער האט ניט קיין מורא, אז ער וועט פערלירען דעם צייכען פון יונגמאנשאפט אונד שרעקט זיך אויך ניט, אז זיין ליעבע וועט טראגען פריכטע אין איהם פערזענליך.

מיידלעך, אָדער גלאט פרויען וואס האבען קיין מענער, וועלכע קענען ניט ערטראגען נאטור'ס דרינגען, געפינען איין אויסוועג איבערצוגעהען צור פראָסטיטור־ציאָן. דיא פראָסטיטוציאָן איז אייגענטליך קיין דירעקטער רעזולטאט פון געשלעכט־ליכער ליעבע, זאָנדערן פון עקאָנאָמישע צושטענדען. א מיידעל אָדער א פ״וי, וועלכע קען ניט עררייכען דעם חתן וואס זיא וואָלט ווע‌לען האבען, פערצווייפעלט אין איהר האָפנונג אונד פאלט מיט איהר שטארקען ווילען צו נאטור'ס פאָרדערונג. דער אנפאנג איז מייסטענטהיילס א רעזולטאט פון געשלעכטליכער ליעבע, אָבער נאכדעם פאלט זיא דורך עקאָנאָמישע צושטענדען.

זיא בעדארף זיך ערנעהרען, ערפיללען דיא פאָרדערונגען פון לעבען, אונד דיא זכרים, וועלכע האבען קיין מורא ניט צו זוכען דיא ערפיללונג פון זייער געשלעכט־ליכער ליעבע, בעצאָהלען איהר דאן דאפיר. בייא דיא זכרים בלייבט עס דיא ער־פיללונג פון געשלעכטליכער ליעבע, אָבער בייא דער נקבה ווערט עס פראָסטי־טוציאָן.

עס איז א טהאטזאכע, אז זעהר א קליינער פראָצענט פון דעם ווייבליכען געשלעכט אונטער דעם מין מענש, איז געצוואונגען צו ערפיללען דיא געשלעכטליכע ליעבע פון א גרויסען פראָצענט זכרים.

אונטערדעסען גיבט עס אויך יונגע לייט אָדער גלאט זכרים פון דעם מין מענש, וואס קענען אויך ניט ערפיללען זייער געשלעכטליכע ליעבע, אפילו אויף א

פראָסטיטוציאָנעלער ארט. זייא זיינען דאָן אויך געצוואונגען אויף איין אוננאטיר־ליכען אופן צו בעפריעדיגען דעם וואונש דער נאַטור.

אָבער דיא נאַטור וויל זיך ניט נארען; איהר וואונש מוז דורכגעפיהרט ווערען וויא זיא האט איינגעאָרדנעט, זאָנסט שטראָפט זיא.

אָנאַניסטען אונטער פרויען גראדע וויא אונטער מענער, זיינען אונטערוואָרפען נערוועו־שוואכקייט וואס פיהרט מעהרערע מאל צו ביטערע קראנקהייטען. דיא פראָסטיטוציאָן וויעדער, פראָדוצירט א געפעהרליכע אנשטעקענדע קראנקהייטען, אונד בעצאָהלט זעהר אָפט מיט א מארטערענדען טויט, אונד אויך א שוידערהאפטע קראנקהייט בירושה צו דיא קינדער.

זעקסטעס קאפּיטעל.

אורזאַכע פון צופיעל ליעבע.

ווען א מאן אָדער א פרוי ווערט אלט, פערלירט זיך לאנגזאם דער וואונש צו געשלעכטליכער ליעבע. דאס איז דער בעסטער סמן, אז דער קערפּער דערנעהנטערט זיך צור אויפלעזונג אונד האלט שוין מיט א פוס אויף דער שוועל פון קבר.

דיא יוגענד, דיא קראפט, האט אין זיך זעהר פיעל געשלעכטליכע ליעבע, אונד וואס דער מענש איז אלץ געזונדער, אלץ מעהר געשלעכטליכע ליעבע האט ער אין זיך.

מיט א פאמיליע, א נאציאָן, א פאָלק אָדער מיט א גאנצען מין, איז עס דער־זעלבער פאל. דיא געזונדהייט אונד לעבענס־דויער פון א פאמיליע, ווערט מייסטענ־טהיילס ערקענט אין דער גרויסער מאסע געשלעכטליכער ליעבע וואס הערשט אונטער זייא. דיא לעבענס־קראפט פון א נאציאָן אָדער א פאָלק ווערט אויך גע־אורטהיילט נאך דער געשלעכטליכער ליעבע.

עס איז קיין צווייפעל, אז דיא אראבער וועלען געוויס איבערלעבען דיא עס־קימאָסען פון דעם נאָרד־פּאָל. דיא אראבער האבען מיט הונדערטער פּראָצענט מעהר געשלעכטליכע ליעבע אונטער זיך, אלס דיא עסקימאָסען.

עס איז אפילו אונאנגענעהם דאס צו בעהויפטען. אָבער עס איז א טהאַט־זאכע, אז דיא פאָרטגעשריטענסטע פעלקער אין קערפּער אונד גייסט, האבען מעהר לוסט אונד רייץ צו געשלעכטליכער פעראייניגונג, אלס דיא האלב־אָבגעלעבטע נאציאָנען.

אָבער דאָ איז אויך ווערטה צו בעמערקען, אז מאנכע נאציאָנען אָדער גרופּען מענשען בעטרייבען אויף אזוי ווייט זייער געשלעכטליכע ליעבע, ביז זייא ברענגען

דאס ארויס פון דעם ציעל צו וועלכען דיא נאטור פיהרט, אונד מאכען דערפון בלויז א מאָמענטאלעס פערגניעגען אָהנע צו גערענקען וואס דיא נאטור בעאבזיכטיגט מיט דיעזען פערגניגען.

דיא נאטור האט געגעבען דיא געשלעכטליכע ליעבע פיר דער פאָרטפּלאנצונג; ווייל דאס איז איהר גרויסער וואונש, האט זיא אויך איינגעפלאנצט דערביי א גרויסעס פערגניעגען, אָבער ווען מיר מיסברויכען דיעזען וואונש, דאן ערשיינט דיא נאטור מיט איהר אונערבארמליכע שטראפע. זיא מאכט אונז ניט נאָר קראנק אונד שוואך, זאָנדערן זיא פעראורטהיילט אונז צום אונטערגאנג.

עס איז איין אינטערעסאנטע טהאטזאכע פון דעם ביישפּיעל וואס מיר זעהען צו דער געגענווערטיגער צייט פון פראנקרייך אונד ענגלאנד. דיא ענגלענדער זיינען פיעללייכט גראדע אזוי פיעל בעזעלט מיט נאטור׳ס וואונש פון געשלעכטליכער ליעבע, וויא דיא פראנצויזען, אָבער, טראָטץ דעם, פערמעהרען זיך דיא ענגלענדער פון יאָהר צו יאָהר, וועהרענד פון דיא פראנצויזען בלייבט וועניגער. ווען דער צו־שטאנד אונטער דיא פראנצויזען זאָל זיך ניט ענדערן, דאן מעג מען זיכער זיין, אז מיט עטליכע הונדערט יאָהרען שפּעטער, וועט פון דער געוועזענער מעכטיגער נאציאָן, בלייבען א קליינער הויפענדעל שוואכע מענשעלעך.

ווארום איז דאס? דיא אורזאכע דערפון איז, ווייל דיא פראנצויזען מיס־ברויכען נאטור׳ס וואונש. זייא האבען זיך מייסטענטהיילס איינגעפיהרט נאָר צו געניעסען פערגניעגען אונד ווילען ניט טראגען דיא לאסט פון דיא פליכטע דער ליעבע. דיא ענגלענדער וויעדער, פיהרען זיך מעהר פאמיליען־מעסיג אונד מיסברויכען פיעל וועניגער נאטור׳ס וואונש.

ווען א פראנצויז האט 3 קינדער, דאן איז דאס א היבשע פאמיליע, אָבער ווען איין ענגלענדער האט 6 קינדער, דאן פרייט ער זיך נאך אימער ווען א 7־טעס קומט.

דיא פראנצויזען, מייסטענטהיילס, לעבען אונפערהייראטעט. דאס איז ניט דערפאר ווייל זייא ווילען ניט געניעסען פון געשלעכטליכער ליעבע, זאָנדערן ווייל זייא ווילען ניט האבען דיא לאסט פון קינדער. דיא פראָסטיטוציאָן איז אלזאָ דאָרט זעהר גרויס, אונד אין פיעלע פלעטצער, וואו דיא נאטור טראגט פליכטע, ווערען דיעזע פליכטע אונטערדריקט דורך עקאָנאָמישע צושטענדען.

ווען א פרויענצימער, אונפערהייראטעט לויט דער איינגעפיהרטער צערעמאָניע, האט געבוירען א קינד, זאָ זעהט זיא לויז ווערען פון דיעזער ליעבעס־פרוכט אויף

אירגענד איין ארט, זאָגאר דורך טויט. זיא ווענדעט דאַן אָן אלעס מעגליכע אום מעהר ניט צו האבען אזעלכע הינדערניסע.

אין דיעזער בעציהונג, האט שוין זאָגאר דיא מעדיצין געאיילט צו הילפע דיא פּראָנצוויזען. מיר זעהן, דאס אין פראנקרייך גיבט עס מעהר מיטלען צו פערהינדערן דיא ערשיינונג פון ליעבעס־פרוכט, וויא אין אירגענד איין אנדערעס לאַנד.

איהר ווערט הערען א פערהייראטעטע פראנצוויזקע, זאגען: „איך האב שוין צווייא קינדער, א איינגעל מיט א מיידעל, אונד דאס איז גענוג פאר מיר. מעהר דאַרף איך ניט.“

אונד זיא געפינט שוין דיא מיטלען וויא איהר ציעל צו ערדרייכען אונד שטערען נאַטור'ס אבזיכט.

אָבער דיא פראנצוויזקע פערגעסט, דאס דיא נאַטור האט ניט געגעבען קיין געשלעכטליכע ליעבע, בלויז אום איהר פערגניגען פון דער געשלעכטליכער צוזאַמענקונפט אונד ניט מעהר. אין אזעלכע פעללע איז דיא נאַטור זיך נוקם: דער פרויענקערפער, וועלכער איז געשאפען געוואָרען צו שוואַנגערן אונד זייגען א קינד, פאַנגט אָן צו ווערען שוואַך אונד אונטערוואָרפען אלערלייא ליידען. אנשטאט אָנצוהאַלטען דיא צייט פון געשלעכטליכער ליעבע, וויא זיא וויל, פערשווינדעט לאַנגזאם דער רייץ אונד אלמקיים ערשיינט פאר דער צייט.

דיא פראנצוויזישע בויער־פרוי, וועלכע האט א פולע שטוב מיט קינדערלעך אונד איז שוין עלטער א'ס פופציג יאָהר, זעהט ניט נאָר אוים שטארקער אונד געזינדער אַלס דיא 35־יעהריגע שטעדטישע פראנצוויזקע, זאָנדערן זיא איז אויך אנציהענדער אונד בעזיטצט מעהר געשלעכטליכע ליעבע אלס דיעזע וואס האט נאָר איינס אָדער צווייא קינדער געבוירען.

דיא נאַטור האט דעם מין מענש געגעבען פיער מעהר געשלעכטליכע ליעבע וויא ער בענעטהיגט. אין דעם דרענגען פון ליעבע זעהען מיר, אז דער מענש בעגעהט אזוי פיעלע אונגיטצליכע אונד אונגאטירליכע טהאטען, אז מיר בלייבען שטעהן ערשטוינט אונד פרעגען: „וואס טויג דאס?“

אין דעם דרענגען פון געשלעכטליכער ליעבע, זעהען מיר וויא דער מענש פּראָסטיטואירט ניט נאָר זיין אייגענעם מין, זאָנדערן ער פּראָסטיטואירט אויך חיות אום זיין רייץ צו ערפיללען.

דיא נאַטור־פאָרשער האבען אָנגעשריעבען גאנצע ביכער איבער דער געשלעכטליכער פעראייניגונג צווישען מענש אונד חיה, אז דיא נאַטור פערלאַנגט ניט

אזא פעראייניגונג, איז דער בעסטער בעוויז דערמיט, וואס זיא פראָדוצירט קיינע פריכטע.

אונד דאָך עקזיסטירט אזוי פיעל געשלעכטליכע ליעבע אונטער דיא מענשען!

עס געבען דאפיר צוויא ערקלערונגען. דיא ערשטע איז:

דיא נאטור האט געוואָלט מעהר פעראייניגונג צור פאָרטפלאנצונג אלס עס איז איינגעפיהרט. דיא מענשליכע געזעלשאפט האט אָבער איינגעפיהרט אזעלכע צערעמאָניען אונד מנהגים, וועלכע פערהינדערן דיא אויסאיבונג פון דעם גאנצען קוואַל ליעבע וואס דיא נאטור האט געגעבען. דיא קוועלענדע ליעבע, זייענדיג גע־צוואונגען ארויס צו קומען, ערשיינט זיא אויף אירגענד א מעגליכע ארט.

דיא צווייטע ערקלערונג איז:

דיא לעבענסקראפט פון א מין, ווערט בעצייכענט דורך דער געשלעכטליכער ליעבע וויא שטארק זיא איז; וואס שטארקער דיא געשלעכטליכע ליעבע איז, אלס דויערהאפטער איז דער מין. דיא מענשהייט, נאכדעם זיא מוז איבערלעבען אלע אנדערע מינים, בעזיטצט זיא אלזאָ מעהר ליעבע וויא איין אנדערער מין.

עס זעהט אויס, גראדע וויא ווען מיר ווילען ליכטיג מאכען אין א צימער, לאָזען מיר אריין א גרויסען שטראָם ליכט. דאס ליכט איז אָבער צו שטארק פיר אונזערע אויגען, אונד מיר פאנגען אָן מיט דער צייט דאס צו פערקלענערן עס זאָל אונז פאסען. דיא נאטור האט אונז געגעבען דיא געשלעכטליכע ליעבע צום עק־זיסטירען, צור פאָרטפלאנצונג, אָבער דיא נאטור איז קיינמאל ניט קארג, זיא גיט אלעס אין איבערפלוס, ביז דיא צייט קומט ווען דער איבערפלוס פאלט צוריק צום גראד פון בעדירפניס.

זיעבעטעס קאפיטעל.

ליעבעס פון אַלטע אונד נייע צייטען.

דיא נאטור רעגולירט זעלבסט אלעס לויט וויא עס איז איהר נעטהיג צו ער־פיללען איהר וואונש. זאָ, צום ביישפיעל, זעהען מיר מייסטענטהיילס פעראייניגט א הויכען מאן מיט א ניעדריגער פרוי, אָדער א הויכע פרוי אונד א ניעדריגען מאן; א ברונעטער מיט א בלאָנדינער; איין אויפגערעגטער מיט א רוהיגער א. ז. וו. דיעזע אונגלייכע פעראייניגונגען פיהרען דערצו וואס דיא מענשהייט מישט זיך אויס אונד פיהרט צום ציעל פון פיעל אָדער ווייניג גלייכע טעמפעראמענטען. איין אַלטער

מאן מיט א יונגער פרוי, אָדער איין אלטע פרוי מיט א יונגען מאן, זיינען אונפּאסענד פיר דער נאטור, ווייל זייא פּראָדוצירען מייסטענטהיילס קרענקליכע אָדער שוואכע קינדער. דערפאר זעהען מיר, אז דער ברונעטער ליעבט דיא בלאָנדינע אונד דיא הויך־געוואקסענע פרוי, ליעבט דעם ניעדריג־געוואקסענעם מאן, אָבער דיא יונגע פרוי ליעבט ניט דעם אַלטען מאן אונד אומגעקעהרט. מיר זעהען אויך א פער־איינינונג צווישען א פעטע פרוי אונד א מאָגערן מאן, אָדער אומגעקעהרט. דיעזע פּראָדוצירען געזונדע קינדער, אונד דערפאר קענען זייא זיך ליעבען. אָבער אלט מיט יונג איז אונפּאסענד אונד דערפאר איז דיא ליעבע אין זאָלכע פעלע נאָר א נע־צוואונגענע. ליעבע צווישען יונגע פעטע מענער אונד פעטע פרויען, איז אויך זעלטען, ווייל דאס פערהינדערט מעהרערע מאל דיא פּראָדוקציאָן פון קינדער.

מיר זעהען אמאל וויא א יונגע פרוי האסט אזוי איהר אלטען מאן (מיט וועלכען זיא האט זיך פעראייניגט דורך עקאָנאָמישע אומשטענדען) אז זיא וואָלט אימשטאנדע געווען איהם צו צערייסען אין שטיקער אונד ווארפען זיין פליש פאר דיא הינט. דאס איז טראָטץ דעם וואס דער אלטער מאן צייגט איהר דיא גרעסטע צערטליכקייט אונד אויפאָפּפערונג. אין דערזעלבער צייט אָבער, האט זיא א נע־ליעבטען, וועלכען זיא צאָהלט צו, וועלכער שלאָגט זיא אונד בעהאנדעלט זיא וויא דיא ערגסטע, אונד דאָך ליעבט זיא דעם יונגען מענשען. ווארום איז דאס? קען דען א יונגע פרוי ניט ליעבען קיין אלטען מאן?

ניין! זאגט דיא נאטור, א יונגע פרוי דארף קיין אלטען ניט ליעבען, ווייל איהר יונגע פרוכט דארף מיט יונגענד־קראפט בעפרוכטעט ווערען אום צו שאפען געזונדע פאָרטפלאנצונג. זיא קען ליעבען דעם אלטען מאן אלס פריינד, אלס בע־שיטצער אונד אלס פערזאָרגער, אָבער ניט אלס מאן דורך געשלעכטליכער ליעבע.

דיא נאטור וויל עס אזוי אונד דיא פרוי קען גאר ניט טהון דאגעגען מיט איהר בעסטען ווילען.

דיא נאטור נעהמט דעם יונגען מאן מיט דער יונגער פרוי אונד פוצט זייא אויס מיט רונדע אונד שטארקע גליעדער, מיט גלענצענדע אונד שעהנע אויגען, מיט בליהענדע אונד אנציהענדע געזיכטער, אונד צווישען זייא ווינשט זיא א פעראייניגונג. דיא נאטור האט אויך איהרע אייגענע איינפעלע אין דיעזער בעציהונג; אויך צווייטען יונגע מענער אונד יונגע פרויען ווינשט זיא ניט איבעראל דיעזעלבע נע־שלעכטליכע ליעבע זאל אויסגעאיבט ווערען, אונד דערפאר זעהען מיר אויך ניט

אימער אונטער יונגע מענשען א נייגונג פון איינעם צום צווייטען. דיעזע זיינען נאָר טור׳ס געהיימניסע וואס מיר האבען נאך ניט ערגרינדעט.

אָבער, וויא דיא זאך איז, קען א יונגער מאן אונד א יונגע פרוי זיך ליעבען פיר געשלעכטליכער פעראייניגונג, אונד זייא דארפען זיך אויך ליעבען לויט דעם וואונש פון דער נאטור. ווען דיעזע ליעבע איז ניט אזוי שטארק וויא דער זייטיגער צושויער קען ערווארטען, איז געוויס דאָ א גוטע אורזאכע ווארום דיא נאטור וויל אזוי.

אין דערזעלבער צייט ערשיינט ווידער אונזער געזעלשאפטליכע איינפיהרונג אונד לאָזט ניט אימער צו עס זאָלען זיך פעראייניגען דיעזע, אונטער וועלכע דיא נאטור ווינשט א פעראייניגונג. נאך מעהר, דיעזע איינפיהרונגען האבען אויף אזוי וויט געווירקט, דאס זייא האבען זאָגאר געענדערט נאטור׳ס וואונש פון דער פערגאנגענהייט.

אין דיא גאנץ אלטע צייטען, ווען דיא מענשהייט איז נאך געוועזן גאנץ יונג, האבען מענשען ניט געהאט קיין בעשטענדיגען פלאטץ מיט פריוואט־איינענטהום וויא צו דער געגענווערטיגער צייט. מענשען אָדער פאמיליען, האבען געבילדעט גרופען אונד געוואנדערט פון איין פלאטץ צום צווייטען לויט וויא דיא אומשטענדען האבען געפאָדערט. אמאל איז דיא וואנדערונג פעראורזאכט געוואָרען דאפיר, ווייל דיא לעבענס־מיטלען האבען זיך אויסגעלאָזען, אמאל ווייל דיא שאף אונד רינדער האבען ניט געהאט גענוג פאשע, אונד אויך דורך אנדערע אורזאכען.

אונטער דיעזע וואנדערענדע גרופען מענשען, וועלכע זיינען מייסטענטהיילס בעשטאנען פון א פאמיליע, פאטער, מוטער, ברידער אונד שוועסטער, פלעגען דיא געשלעכטליכע פעראייניגונגען, אָדער הייראטהען, פאָרקומען בלויז אין דער פאמיליע. דאס הייסט, דער ברודער האט געהייראטעט דיא שוועסטער.

האט עס דען נאך געקענט געבען א בעסערע פעראייניגונג וויא צווישען ברודער אונד שוועסטער? פלעגען יענע מענשען ארגומענטירען. דער ברודער אונד שוועסטער, וועלכע זיינען אויפגעצויגען געוואָרען צוזאמען אונד זיך געליעבט אלס קינדער אונד אלס ברודער אונד שוועסטער, וועלען זיך געוויס מעהר ליעבען אלס מאן אונד פרוי, וויא צווייא ווילד־פרעמדע קענען זיך ליעבען.

אונטער יענע מענשען איז עס אויך געוועזן א מנהג, דאס ווען דער פאמיליען־פאטער איז אָבגעשטאָרבען אונד דיא מוטער האט נאך געקענט ליעפערן דיא פאָרטפלאנצונג, האט זיא געהייראטעט מיט׳ן זוהן. ווען דיא מוטער איז געשטאָרבען, האט דער פאטער געהייראטעט מיט דער טאָכטער. אין פיעלע פעלע האט דער

פאָטער געהייראַטעט מיט דער טאָכטער, זאָגאַר דאַן, ווען דיא מוטער האַט נאָך געלעבט. דיא עגיפּטישע קעניגע מיט 4000 יאָהר צוריק, האָבען עס בעטראַכטעט אַלס זייער הייליגסטע פליכט צו הייראַטהען מיט זייערע טעכטער.

אָבער דיא געשלעכטליכע ליעבע צווישען פאָטער אונד טאָכטער אָדער מוטער אונד זוהן, איז געוועזען געגען נאַטור'ס וואונש, אונד דער מנהג איז פריה אָבגע־שטאָרבען. וואָס עס אַנבעלאַנגט אָבער דיא הייראַטה צווישען שוועסטער אונד ברודער, האַט דיעזע אויפגעהערט צו עקזיסטירען דורך געוויסע אור־געזעלשאַפטליכע צושטענדען.

דיא גרופּען־וואַנדערענדע פאַמיליען פלעגען אָפט פיהרען מלחמות צווישען זיך. דיעזע מלחמות אָדער פיינדשאַפטען, האָבען זיך אָבער פערוואַנדעלט אין רוהע אונד פריינדשאַפט, ווען א בחור פון איין גרופּע האַט זיך פעראייניגט מיט א בתולה פון דער צווייטער גרופּע.

דער מענש, וועלכער האַט אָנגעפאַנגען זיך צו בענוטצען מיט אַלעס וואָס דיא ערפאַהרונג האַט איהם געלערענט, האַט איינגעזעהען, אַז אַזעלכע פעראייניגונגען האָבען ביינעשטייערט צו זיין בעקוועמליכקייט, אונד ער האַט דאָס דערפאַר בע־טראַכטעט אַלס ניטצליך אונד גוט. אַנשטאַט וואָס ער האַט געוואָלט זיין זוהן זאָל הייראַטהען מיט זיין טאָכטער, האַט ער געזעהען זיין זוהן זאָל זיך פעראייניגען אין געשלעכטליכער ליעבע מיט דער טאָכטער פון נאָך א וואַנדערענדע פאַמיליע, אונד דאַסזעלבע האַט ער אויך געטהאָן מיט זיין טאָכטער, זיא פערהייראַטענדיג מיט דעם זוהן פון איין אַנדערער גרופּע. דאָס האַט פעראורזאַכט וואָס דיא גרופּען האָבען געבילדעט א פעראייניגונג, אונד אַנשטאַט צו זיין שונאים, זיינען זייא געוואָרען פריינד מיט דעם צוועק צו בעקעמפּפען אַנדערע שונאים.

אויף אַזא אופן האָבען זיך געבילדעט גרויסע גרופּען מענשען, וועלכעס איז פעראורזאַכט געוואָרען פון הייראַטהען אויסער דער פאַמיליע, אַנשטאַט אין דער פאַמיליע.

מיט דער צייט האַט מען דאָס אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען אַלס א נויטה־ווענדיגקייט, זיך צו פערהייראַטהען אויסער דער פאַמיליע. דער יונגערמאַן וואָס האַט געהאַט א שוועסטער, האַט שוין געוואוסט, אַז ער מוז געהען זוכען א פרוי פון איין אַנדערע פאַמיליע, אונד דאָס מעדכען האַט געוואוסט, אַז דאַדורך וואָס זיא וועט זיך פעראייניגען אין געשלעכטליכער ליעבע מיט א פרעמדען בחור, וועט דאָס איהר פאַמיליע טהון א טובה. אויף דיעזער אַרט, האָבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען

געשלעכטליכע ליעבעס צווישען ברודער אונד שוועסטער, ביז עס איז געקומען אזוי וויט, ראס דיא געוואָהנהייט האט געווירקט וואס שוועסטער אונד ברודער האבען זיך אָנגעהויבען צו בעטראַכטען אלס צווייא פּערזאָנען וואס קענען זיך ניעמאלס פער־איינינען דורך געשלעכטליכער ליעבע.

ביי דיא אלטע פעלקער איז צו בעמערקען, אז מעהר וויא דיא פעראייניגונג צווישען פאטער אונד טאָכטער, מוטער אונד זוהן, שוועסטער אונד ברודער, איז ניט בעטראַכטעט געוואָרען אלס קיין זינד, וועהרענד מיט שוועגערינס, שוואָגערס, קאָנטעס אונד שוועסטער־קינדער, האט מען יא געמעגט הייראַטהען. אונטער דיא לעטצטע איינגעפיהרטע ערלויבטע ליעבעס, איז פריהער געפאלען דיא הייראַטה מיט דער מאַנטע, וועיל דאס איז שוין אויך געווען א פעראייניגונג צווישען יוגענד אונד עלטער, אונד פאָלגליך געגען נאַטור׳ס וואונש. דיא אַנדערע פעראייניגונגען, צווישען אינגערע מענשען, האבען מעהר געלעבט אונד לעבען נאָך עד־היום אונטער פער־שיעדענע נאַציאָנען. אָבער דיא אויסברייטונג פון דעם מענשליכען פערקעהר, איז אימער געווען דיא הויפּט־אורזאכע פון הייראַטהען אויסער דער פאַמיליע.

א צייכען פון אלטע צייטען, בעמערקען מיר יעטצט אונטער דיא הערשענדע געקרוינטע פאַמיליען פון אייראָפּאַ. א דייטשער פּרינץ ווערט, וויא געוועהנליך, הייראַטהען א רוסישע פּרינצעסין, אָדער איין עסטרייכישע פּרינצעסין ווערט הייראַטהען איין ענגלישען פּרינץ. דאס איז דערפאַר, וועיל דיא געקרוינטע פאַמיליען רעכענען, אז דורך א הייראַטהס־פעראייניגונג, ווערט ענטשטעהען מעהר פריינדשאפט צווישען דיא צווייא פאַמיליען, אונד, אין א צייט פון קריעג, ווערט דיא פריינדשאפט דורך הייראַטהס־פעראייניגונג פעראורזאכען וואס מען ווערט זיך צוזאמען העלפען געגען א שונא. דיעזע הייראַטהס־פעראייניגונגען צווישען דיא קעניגליכע פאַמיליען האבען אויף אזוי וויט געווירקט, דאס זאָגאר דאָן, ווען עס איז דאכט זיך גאר קיין פּאָ־ליטישער ציעל פערהאַנדען, איז עס שוין איינמאל פעסטגעשטעלט, אז קעניגליכע פאַמיליען הייראַטהען ניט אונטער זיך.

אונד דיעזע איינפיהרונגען, פעראורזאכט דורך עקאָנאָמישע צושטענדע, האבען געמאכט א גרויסע ווירקונג אין דער מענשהייט. א היבשער מעהרצאָהל דער מענשהייט בעטראַכטעט אזא פעראייניגונג מיט א שוידער אונד ערקלערט דאס זאָגאר אלס אוננאַטירליך.

אָבער, וועהרענד דער קאַטאָליק בעהויפּטעט, אז דיא געשלעכטליכע ליעבע צווישען שוועסטער־קינדער איז אוננאַטירליך אונד שוידערהאַפט, אונד ער שפּירט

עס, אז עס איז אויך אזוי, הייראטהען שוועסטער־קינדער אונטער אידען גאר אָהן געוויסענביסע; זייא ליעבען זיך, אונד, ווען עס איז ניטאָ קיין זייטיגע אורזאכע, דאן פּראָדוצירען זייא פאָלקאָמען געזונדע אונד שעהנע קינדער.

מיט א קורצער צייט צוריק, האט פּאסירט א מערקווירדיגע געשיכטע אין שטאאט מישיגען, פון דיא פעראייניגטע שטאאטען. א מאַן האט מיט 17 יאָהר צוריק געהייראטהעט מיט א יונגעם מעדכען, זייא האבען געהאט געזונדע אונד שעהנע קינדער, אונד האבען זיך געלעבט זעהר גליקליך. אין א טאָג האט זיך דער מאַן בעגעגענט מיט זיינעם איין אָנקעל, וועלכען ער האט שוין ניט געזעהען מעהר אלס 30 יאָהר. ער האט דעם אָנקעל אהיים גענומען, איהם פאָרגעשטעלט פאר זיין שעהנע פרוי אונד קינדער, אונד וויא דער שטעגער איז, האט מען אָנגעפאנגען זיך צו דערצעהלען פון דער פערגאנגענהייט, וויא אזוי מען האט זיך בעגעגענט, געליעבט אונד געהייראטהעט.

דער אַלטער אָנקעל האט פון דיעזען געשפּרעך ערפאהרען א גרויסעס גע־היימניס. ער האט אויסגעפונען, אז דיעזע צווייא פערהייראטהעטע זיינען שוועסטער אונד ברודער. דיא געשיכטע אייגענטליך איז געווען פערבונדען מיט א פּאסירונג פון מעהרערע יאָהרען צוריק, ווען זיין ברודער איז געהרגעט געוואָרען אונד זיין שווענגערין איז געשטאָרבען פון א קינד האבען. דיעזעס קינד איז געווען זיין ניכטע (פלימעניצע) אונד דיא פרוי פון זיין נעפע (פלימעניק.) דער נעפע איז דאַן געווען א איינגעל פון א יאָהר 7 אונד ער איז אוועק דיענען, ביז ער איז עלטער געוואָרען אונד גע־וואנדערט ווייט אוועק פון זיין היימאטה. זיין שוועסטער, וועלכע ער האט קיינמאל ניט געקענט, איז אויך שפּעטער אוועק פון איהר היימאטה, אונד ווען זיא האט זיך בעגעגענט מיט דעם אונבעקאַנטען ברודער, האט זיא זעהר וועניג געוואוסט פון איהר פריהער פערגאנגענהייט. דיא טהאטזאכע אָבער, אז זייא זיינען שוועסטער אונד ברודער, האט גאר ניט געשטערט צו זייער געשלעכטליכע ליעבע. זייא האבען געהייראטהעט, זיך געליעבט, געהאט קינדער אונד געווען גליקליך אין זייער ליעבע.

דער אָנקעל, וועלכער איז געווען א רעליגיעזער מענש, האט עס געפונען פאר נעטהיג זייא מיטצוטהיילען איבער דיא וואהרע פערהעלטניסע. ווען ער האט זייא דאס דערצעהלט, האט זיך פלוצלינג פערדונקעלט דער קלארער הימעל איבער זייא, אונד אנשטאט דער פריהעריגער ליעבע צווישען מאַן אונד פרוי, איז ענטשטאנדען גלייכגילטיגקייט אונד שאנדע. נאָך מעהר, זאָגאר זייערע קינדער, דיא פּראָדוקטע פון זייער ליעבע, האבען זייא מעהר ניט געקענט ערטראגען. דיא קינדער זיינען ארײן

גענעבען געוואָרען אין איין אנשטאלט, דיא פרוי איז אריין אין א קלויסטער אונד דער מאַן איז אוועק וואנדערן אויף דער וועלט.

דאס בעווייזט אַלזאָ, אז געשלעכטליכע ליעבע צווישען ברודער אונד שוועסטער, איז ניט נעגען נאַטור׳ס וואונש, אָבער דאָך האט דיא מענשליכע איינפיהרונג א גע־וואלטיגען איינפלוס זאָגאַר אויף נאַטור׳ס וואונש.

אונטערדעסען ווערען געמעלדעט פון פעללע (זעהר זעלטענע,) וויא שוועסטער אונד ברודער, אָבוואָהל זייא האבען געוואוסט גאנץ גוט ווער זייא זיינען, האבען זייא זיך דאָך פעראייניגט אין געשלעכטליכער ליעבע. אָבער אזא ליעבע איז ניט דויערהאפט; דיא ווירקונג פון איין אַלטער געוואָהנהייט, אז עס דארף ניט אזוי זיין, אז „מענשען פיהרען זיך ניט אזוי,״ פעראורזאכט כמעט אימער וואס אזא ליעבע ענדיגט זיך שנעל אין גלייכגילטיגקייט ווען ניט אין האס.

פון פעלע אין אונזערע צייטען אונד אין אונזערע געגענדען, וויא פאטערס האבען געלעבט מיט טעכטער אונד געהאט קינדער, האט מען שוין אויך ניט נאָר איינמאל געהערט.

אכטעס קאפיטעל.

פיעל־ווייבערייא אונד פיעל־מענערייא.

אין דיא ציוויליזירטע לענדער איז עס איינגעפיהרט, אז איין מאַן הייראטה איין פרוי, וועהרענד אין דיא לענדער, וואו דיא מענשען שטעהען נאָך ניט אזוי ענט־וויקעלט, האט עקזיסטירט אונד עס עקזיסטירט נאָך דיא פיעל־ווייבערייא.

ערשטענס, ענטשטעהט דיא פראגע: איז עס נאַטור׳ס וואונש דער מאַן זאָל האבען נאָר איין פרוי אָדער מעהרערע פרויען?

צווייטענס, דרינגט זיך אויף נאָך א וויכטיגערע פראגע: דארף דיא פרוי האבען נאָר איין מאַן?

אום צו געפינען איין ענטפער אויף דיזע וויכטיגע פראגען, ווענדען מיר זיך ווענדען צו דיא רעזולטאטען פון אונזער ערפאהרונג אונד בעטראכטונגען.

אין אפריקא זיינען פערהאנדען געגענדען, וואו עס וואנדערן ארום גרופען אפען פון פלאַטץ צו פלאַטץ. אזא גרופע קען אמאל צעהלען פון 10 ביז 60 אפען. אונטער אזא גרופע אפען, געפינט זיך נאָר איין מענליכער אפע. אלע אנדערע־דיינען עלטערע ווייבליכע אפען, מיטעל־יעהריגע אונד קינדער פון ווייבליכען גע־שלעכט.

וואו זיינען דיא מענער, דאס הייסט, ווענינסטענס דיא קינדער? דיא פרויעך אפען האבען דאָך ניט געבוירען נאָר ווייבליכע קינדער? יא, זייא האבען געבוירען אויך מענליכע קינדער, נאָר דיעזע זיינען דערהרג'עט געוואָרען דורך דעם פאטער, דער אלטער אפע, וועלכער איז דער בעל־הבית פון דער גאנצער גרופע.

דיעזער אלטער אפע האט דיא עובדא, אויפצופאסען, ווען איינע פון זיינע פרויען ברענגט א אינגעל אויף דער וועלט, דאן דערהרג'עט ער איהם; ווען דאס איז א מיידעל, דאן בלייבט זיא לעבען אום שפּעטער צו ווערען זיין פרוי.

ווארום טהוט עס דער אלטער אפע? דער ענטפער איז גאנץ איינפאך: ער בעדאַרף האבען א סך פרויען. בשעת איין פרוי שוואנגערט, דיא אנדערע ליעגט אין קימפעט אונד א דריטע איז נאך קראנק פון א געבורט, דארף ער האבען א פרוי. זיין געשלעכטליכע ליעבע קען אלזאָ ניט צופריעדען געשטעלט ווערען מיט איין פרוי אונד ער בעדארף מעהרערע. דיא ערפאהרונג האט איהם געלערענט, אז איין אנדערער מאן וועט פון איהם אוועק נעהמען זיין פערגניגען, אונד ער פאסט אלזאָ אויף ניעמאנד זאָל איהם שטעהען אין וועג.

אין דערזעלבער צייט קען מען אָבער אויך זעהען א מענליכען אפע, וואנדערן איינער אליין איבער דיא פעלדער אונד וועלדער, אונד ער ער האט אפילו ניט איין פרוי. ווער איז דיעזער אפע? וויא קומט ער אהין ווען דער אלטער אפע מאָרדעט אלע נייא־געבוירענע אינגלעך? דערפאר זאָרגט שוין דיא נאטור. אונטער דיא פערשיעדענע ווייבליכע אפען, מאכט זיך איינע אָדער צווייא, וועלכע דיא מוטער־ליעבע צווינגט רחמנות צו האבען אויף דיא פרוכט פון איהר געשלעכטליכער ליעבע. ווען עס איז איהר געלונגען צו ברענגען איהר קינד אויף דער וועלט איהר מאן זאָל דער־פון ניט וויסען, אונד זיא האט נאך דערצו בעמערקט, אז איהר קינד איז א אינגעל, דאן ווענדעט זיא אָן דיא שארפזיניגסטע מיטלען צו רעטען איהר קינד. זיא האלט איהם פערבאָרגען אין גראָז, וואוהין זיא קומט איהם נעהרען אזוי לאנג, ביז ער קען זיך שוין זעלבסט פערזאָרגען, אונד דאן לאָזט זיא איהם אָב צו זיין שיקזאל.

דער עלענדער וואנדערענדער מענליכער אפע, איז אלזאָ איינער פון דיעזע, וואס עס איז געלונגען זיין מוטער איהם צו רעטען פון זיין פאטער'ס אייפערזוכט. ער וואנדערט ארום אזוי לאנג אונד וויים אויך, אז ער דארף זיך אויסהיטען פאר דעם אנפיהרער פון א גרופע, ביז דיא נאטור טרייבט איהם צו ערפיללען איהר וואונש.

דיא נאטור גיבט איהם אויך גוטע וואפען זיין ציעל צו ערדייכען אום איהר ציעל זאָל דורכגעפיהרט ווערען. ער בעגעגענט זיך מיט א גרופע אפען, פון וועלכע

דער אנפיהרער איז שוין אלט אונד שוואך; ער קען שוין מעהר ניט דיענען אלס מאן פיר דיא יונגע ווייבליכע אפען וואס האבען אונטערגעוואקסען. דער יונגער אונד שטארקער אפע בעגעגענט איהם אונד עס ענטשטעהט א מלחמה. זיין יוגענד אונד מאכט זיעגט, ער הרג'עט דעם אלטען אונד אונניטצליכען אפע, אונד ער ווערט דער אנפיהרער אונד מאן פון דער גרופע נקבות.

אזוי פיהרט עס זיך פון דור צו דור, אונד עס איז בלויז דערפאר, ווייל דער מענליכער אפע בענעטהיגט אדער ער קען בעזארגען א סך ווייבליכע אפען מיט זיין געשלעכטליכער ליעבע צו נאטור'ס צוועק.

עס איז דאסזעלבע מיט דיא מענשען. דער אריענטאליסט, קען בעזארגען מעהרערע פרויען מיט זיין געשלעכטליכער ליעבע, אונד דערפאר האט ער זייא.

אבער, מיט דעם פארטשריט פון דעם מענשען איז עס גראדע וויא מיט דעם פארטשריט פון דער חיה. דיא חיות וואס האבען שוין גענוג געלעבט אלס מין אונד דערנעהנטערן זיך דער אויפלעזונג אלס מין, בעגניגען זיך מיט איין פרוי. דער פארטגעשריטענער מענש, וועלכער האט איבערגעלעבט דעם אור־צושטאנד, האט פערלוירען זעהר פיעל פון נאטור'ס פרייגעביגער האנד מיט ליעבע, אונד זיין טעמפעראמענט איז אויף אזוי וויט געפאלען, אז ער בעדארף ניט מעהר וויא איין פרוי.

מיר מוזען יעטצט מאכען א גרויסען שפרונג אום צו בעטראכטען אויף מענשען, וועלכע זיינען זעהר נאהענט צו דער אויפלעזונג. אין אלאסקא עקזיסטירען אויף מעהרערע פלעטצער, גרופען מענשען, וואו מען געפינט איין פרוי אונד איינגע מענער. דיעזע איינע פרוי געניעסט דיא געשלעכטליכע ליעבע פון מעהרערע מענער. ווארום איז דאס?

מען דארף דא ניט פערגעסען, אז אלאסקא איז נאהענט צום נארד־פאל אונד דער אריענט, אדער דער פלאטץ וואו דיא פיעל־ווייבערייא עקזיסטירט, איז נאהענט צום עקוואטאר. דאס הייסט, דיא מענער מיט פיעלע פרויען, לעבען אלזא אין דיא ווארעמסטע לענדער, אונד דיא פרויען מיט פיעלע מענער, לעבען אין דיא קאלטעסטע לענדער. דער מענש איז איין אורשפרונג פון דיא ווארעמע לענדער, אונד דיא קאלטע לענדער זיינען א לעטצטע שטופע. דער מענש אלזא אין דיא ווארעמע לענדער, איז נאך אין איין אור־צושטאנד, וועהרענד דיעזער פון דיא קאלטע לענדער, האט שוין איבערגעלעבט דיא צייט ווען ער האט נאך אין זיך ענטהאלט נאטור'ס ליעבעס־געשאנק אין איבערפלוס.

דיא פרוי פון אלאסקא האט שוין געגרייכט א צושטאנד ווען עס איז איב־

ועהר וועניג געבליעבען פון דער ליעבע אום צו פּראָדוצירען איהר מין. דאסזעלבע איז אויך מיט דעם מאַן. אלזאָ, אנשטאט וואס א מאַן אין דיא ווארעמע לענדער איז אימשטאנדע צו פערטהיילען פון זיין געשלעכטליכער ליעבע צו מעהרערע פרויען, איז דער אלאסקער שוין ניט אימשטאנדע זאָגאר איין פרוי צו בעפרוכטען. מייסטענ־טהיילס איז זייער ליעבע פרוכטלאָז, אָדער, דיא פרוי נעהמט ניט אָן פון אירגענד א מאַן דיא בעפרוכטונג. עס איז דערפאר נויטהווענדיג זיא זאָל האבען מעהרערע מענער ביז זיא עמפּפאנגט דיא בעפרוכטונג.

אונד דיא נאַטור מאכט איהר ארבייט נאך א גוטער אויסרעכנונג. אין דיא ווארעמע לענדער פּראָדוצירט זיא מעהר פרויען אלס מענער, ווייל איין מאַן בענעטהיגט מעהרערע פרויען, וועהרענד אין דיא לענדער פון איין־ווייבערייא, איז דער מין פון מענשען כמעט העלפט אויף א העלפט, אונד אין דיא געגענדען פון אלאסקא, וואו דיא פיעל־מענערייא עקזיסטירט, פּראָדוצירט זיא מעהר מענער.

דיא נאַטור האט נאך אנדערע אויסוועגען וויא אזוי איהר ציעל צו עררייכען. ווען א מאַן מיט א פרוי האבען זיך פעראייניגט אין געשלעכטליכער־ליעבע אונד זייער בעפרוכטונג ברענגט דאָך קיינע פריכטע, דאַן ווערט פון דער הייסעסטער ליעבע א גרויסע גלייכגילטיגקייט אָדער האס. דיא נאַטור וויל דיא פעראייניגטע זאָלען זיך אויסאנאנדער טהיילען, דאמיט דער מאַן זאָל זיך צוזאַמען קומען מיט א פרוי וואו זיין בעפרוכטונג זאָל טראגען פריכטע, אונד דאסזעלבע איז אויך מיט דער פרוי.

אויף אזא ארט ענטשטעהט אונטער קינדערלאָזע מאַן אונד פרוי שטרייטיג־קייטען אונד אונצופריעדענהייט. דער מאַן ערבליקט א קינד — א פרעמדעס קינד — אונד זיין הערץ ציהט איהם דערצו. ער וויל אויך א קינד. ער וויל אויך זעהען זיין בעפרוכטונג טראגען פריכטע, אונד ער הייגנט אָן דיא גאנצע שולד פון ניט האבען קיין קינדער, אָן זיין פרוי. מיט דער פרוי איז אויך דאסזעלבע. זיא וויל אויך קינדער, אונד הייגנט אָן דיא גאנצע שולד אָן איהר מאַן. וועלטליכעס גוטס, פערגניגען אונד אונטערהאלט, פערלירט דעם ווערטה, אונד צו איין ציעל דרענגט זיך דער ווילען — צו פּראָדוצירען קינדער.

דער מאַן איז בערייט צו ארבייטען, הארעווען אונד טהון אלעס מעגליכע צו זאָרגען פיר קינדער, זייא פפלעגען, האבען צרות — אבי קינדער זאָלען זיין. דיא פרוי שרעקט זיך ניט פאר דעם שמערץ פון געבורט, פאר דער מיה פון ערציהונג, פאר דיא ליידען פון הילפלאָזע נפשות — אבי קינדער!

אָט דיעזער שטרעבענדער אונד ווירקענדער ווילען אין דער נאַטור, איהר ציעל

פון פאָרטפּלאַנצונג זאָל ערפילט ווערען, איבערשטייגט יעדע זייטיגע מענשליכע שטרעבונג. אויסער דיא מיטלען אין דער נאַטור זעלבסט, אָהן דער דירעקטער ווירקונג פון דעם מענשען, נעהמט זיא אויך דעם מענשען'ס אלע זייטיגע פעהיגקייטען צו הילף, אום איהר ציעל צו עררייכען.

נײנטעס קאַפּיטעל.

מענער ליעבע אונד פרויען ליעבע.

דיא נאַטור האט בעאבזיכטיגט צו געבען אקוראט אזוי פיעל ליעבע דעם מאַן צו דער פרוי וויא דער פרוי צום מאַן. זיא האט עס אָבער ניט דורכגעפיהרט דורך געוויסע צושטענדען.

א פרוי פון דעם מענשען־מין, וויא עס שיינט, איז געשאפען געוואָרען בעשיטצט צו ווערען, אונד דער מאַן איז געשאפען געוואָרען אלס בעשיטצער. דיא פרוי איז ניט נאָר שוואכער געבויעט אלס דער מאַן, זאָנדערן זיא האט צייטען ווען זיא איז גאַנץ מאכטלאָז אום זיך צו פערטהיידיגען געגען דעם מינדעסטען אנגריף. מיר מיינען דערמיט דיא העכערע שוואַנגער־צייט אונד געבורטס־צייט. דער מאַן האט דאַן דיא עובדא פון דער נאַטור, צו בעשיטצען דיא פרוי אין זאָלכע צייטען. בייא דיא אפען כמעט פון אלע מינים איז אויך דערזעלבער פאַל.

דאַגעגען אָבער איז דיא טיגערין, וועהרענד דער צייט פון איהר שוואַנגערשאפט אונד זאָגאר באלד נאָך דער געבורט, גענוג שטאַרק זיך צו פערטהיידיגען. זיא בענעטהיגט אלזאָ ניט דעם טיגער זיא צו שיטצען.

אָבער אזוי וויא דיא טיגערין בענעטהיגט ניט דעם שוטץ פון דעם טיגער, גרייכט זיא אויך קיינמאל ניט דיא צייט ווען דער טיגער זאָל זוכען זיא צו בעהערשען, וועהרענד מיט דער אפע, וועלכע בענעטהיגט יא דעם שוטץ פון דעם מאַן, איז זיא בעהערשט פון איהם.

דאס ליעגט אין דער נאַטור, אז דער שיטצער מוז זיין דער הערשער אונד בעשיטצטע דיא בעהערשטע.

דערפון אלזאָ האבען זיך ענטוויקעלט צווייערלייא ליעבעס צווישען מאַן אונד פרוי. דיא נאַטור, וועלכע האט איהרע אנציהונגען פיר דעם אויג, האט איינגעטהיילט דיא אנציהונגען זייא זאָלען זיין פערשיעדען צווישען ליעבענדע מאַן אונד פרוי.

דיא פרוי, וועלכע דאַרף א בעשיטצער, האט אָנגעהויבען צו פערווערטהען דיזען וואס קען איהר מעהר נוטצען ברענגען אין שיטצען איהר זיכערהייט. א מאַ;

מיט שטארקע הענד, מעכטיגע מוסקעלן אונד ענטוויקעלטע גליעדער, איז א גבור אונד א טיכטיגער בעשיטצער פיר איהר שוואכקייט. זיא האט דערפאר ליעב בעקומען דעם שטארקען, הויכען אונד קערפערליך ענטוויקעלטען מאן, אונד דאס איז ארונטער געקומען ביז צו אונזערע דורות, ווען פרויען פערהערליכען אירגענד א מאן וואס רופט זיך אן א העלד.

דער מאן ווידער, האט ליעב בעקומען אין דער פרוי דיא צארטקייט, איבערגעבענהייט אונד שוטץ־זוכענדע נאטור.

דיא נאטור אליין האט איינגעפלאנצט דיא ליעבע אויף אזא ארט, אז דיא פרוי זאל ליעבען דעם וואס קען זיא שיטצען אונד דער מאן דיעזע וואס מוז בעשיצט ווערען.

מיר זעהן דערפאר, אויך צור געגענווארטיגען צייט, אז א פרוי אכטעט וועניגער אויף דער שעהנהייט פון געזיכט אין א מאן, וויא אויף דער ענטוויקלונג אין זיין קערפער, וועהרענד דער מאן ליעבט אויך מעהר דיא צארטהייט אונד שוואכקייט אין א פרוי וויא דיעזע וואס איז גרויס, מיט שטארקע הענד אונד ענטוויקעלטע מוסקעלן.

אז דיא פרוי ליעבט א שטארקען מאן, איז אליין זעלבסטפערשטענדליך פון דיא אומשטענדען דער ערפארדערונג — זיא בענעטהיגט א שטארקען צו שיטצען איהר שוואכקייט, אבער דער מאן, וועהרענד ער ליעבט דיא צארטע אונד שוואכע פרוי, ליעבט ער אבער ניט דיא קרייגקליכע פרוי, וועלכע איז אונפאסענד פיר פראדוצירען דעם מין. דיא נאטור וויל שטארקע אונד געזונדע קינדער, דאריבער מוז זאגאר דיא שוואכע פרוי אויך זיין געזונד.

אבער דורך דער אורזאכע וואס א פרוי ליעבט א שטארקען מאן אונד דער מאן ליעבט א שוואכע פרוי, איז ענטשטאנדען, וויא מיר האבען שוין פריהער געזאגט, הערשאפט פון דעם מאן איבער דער פרוי. אונד, דארט וואו עס איז דא הערשאפט, עקזיסטירט אויך שקלאפעריי.

אט דאס איז געוועז דיא אורזאכע פון דער פרויען־שקלאפעריי אונטער דיא מענער.

ווען א מאן פון אלטערטהום, וועלכער האט בענעטהיגט עטליכע פרויען, האט זייא צוזאמען געבראכט אונטער זיין שוטץ, האט ער געוואוסט, אז ער איז דער הערשער אונד זייא דיא בעהערשטע — שקלאפינען. דיא פרויען זעלבסט, האבען עס אויך געשפירט, אז זייא זיינען דיא בעהערשטע, אונד פאלגליך אויך דיא שקלאפינען.

דער מאן האט בענעטהיגט דיא פרויען צו זיין נאטור־צוועק, צו פראָדיצירען דעם מין, אונד, מיט דעם בעוואוסטזיין אלס הערר, האט ער זייא אונטערוואָרפען צו אלע זיינע קאפריזען אונד ווינשונגען. דיא פרוי, זיך שפירענדיג שוואך, האט אָנגעבוינגען איהר קאָפּ אונד זיך נאכגעגעבען צו דעם מאַן׳ס וואונש.

דיזע מענער־הערשאפט האט מיט דער צייט אָנגעהויבען צו פיהרען צו טיראנייא, גראדע וויא דיא נאטור איז פון יעדער הערשאפט. אנפאנגס האט ער געוואָלט זיא זאָל ערפיללען זיין פערלאנג פון געשלעכטליכער ליעבע. ווען ער האט עפּעס געוואָלט, האט ער ניט געפרעגט אויב זיא איז אויך איינפערשטאנען. דאן, אום זיך צו ערלייכטערן זיינע ארבייטען, האט ער זיא צוגעצווינגען צו ערפיללען דיא ארבייטען פון געוויסע בעדירפניסע אין לעבען.

ווען מיר בעגעגנען היינט איין אינדיאנערקע, וועלכע טראגט א קינד אָדער צווייא אויף דיא פלייצעס, אונד בעארבייט אויך וועהרענד דעם דיא ערד, דאן זעהען מיר א בילד פון דעם מענשליכען אור־צושטאנד. דער מאן ארבייט אויך, אָבער זיין ארבייט איז דיא בעסטע, ווייל זיא איז פערבונדען מיט פערגניגען. ער געהט אויף דער יאגד אָדער פיש כאפּען, ווייל דיזע בעשעפטיגונג איז איהם אנגענעהמער אונד ער ציהט זיא פאר אלס ערד־ארבייטען, קינדער־ערציהען, הייזער־בויען אונד קאָכען.

נאטירליך, ער אלס הערר אונד הערשער, קען זיך וועהלען וואס פאר א בעשעפטיגונג ער וויל, אונד זיא אלס שקלאפין אונד בעהערשטע, מוז טהון דאס, וואס ער פערלאנגט זיא זאָל טהון.

אונטער זאָלכע אומשטענדען, דאס הייסט, וואו דיא פרוי איז א שקלאפין, לעבט זיא אויך זעהר שנעל אָב. שוואנגערן, געבוירען קינדער אונד טהון דיא שווערע ארבייטען, טרייבען דיא פרוי צו פריהער אלטקייט. אָבער דער מאן, הערר אונד הערשער, בעקימערט זיך זעהר וועניג דארום. ווען זיין שקלאפין איז געוואָרען אלט אונד ניטצט איהם מעהר ניט צו געשלעכטליכער ליעבע, דאן זעהט ער פון איהר לויז ווערען אויף אירגענד איין ארט, אָדער ער לאָזט איהר פערבלייבען אונטער זיין שוטץ גראדע וויא ער טהוט מיט דעם אלטען הונד, אונד ער נעהמט זיך איין אנדערע שקלאפין אום צו ערפיללען דעם גענוס פון זיין געשלעכטליכער ליעבע.

אין דעם בעוואוסטזיין פון דער געפלאגטער אונד פערשקלאפטע פרוי, איז שוין אריין גערעכענט, אז זיא מוז געהאָרכען, בעפאָלגען אונד טהון וואס דער הערר אונד הערשער וויל, אָהן א פראָטעסט. זיא וועט דערפאר צוקוקען גלייכגילטיג

וויא דער מאן ברענגט זיך אריין א פרישע אונד יונגע פרוי, וועלכע פערנעהמט איהר צימער אונד איהר בעט, אונד אויך דעם פלאטץ אין דעם הארץ פון איהר מאן.

עס דארף איהר ניט פערדריסען, ווייל דאס קען גאר ניט העלפען; זיא איז א שקלאפין אונד מוז שווייגען. אייפערזוכט קען ביי א אזא פרוי ניט זיין, ווייל זיא דארף גאר אזא געפיהל ניט צולאזען.

דאגעגען אבער, ווען דיא יונגע פרוי, וועלכע ווערט פעראייניגט מיט א מאן, וועלכער איז ניט נאך דיא אנציהונגען פון איהרע געפיהלע, זאל וואגען צו ליעבען איין אנדערן מאן אונד איהם אוועק שענקען איהר ליעבע, דאן וועט דער מאן אונד הערשער ווערען וויטהענד; זיא האט פון איהם אוועק גערויבט א טהייל פון זיין פערגניעגען; זיא איז איהם געווארען אונגעהארזאם — דיא שקלאפין האט רעבעלירט געגען איהר הערר, אונד זיא מוז בעשטראפט ווערען וויא עס פאסט פאר א רעבעלירענדע שקלאפין.

דיא שקלאפעריי פון דער פרוי, איז אלזא א מנהג פון איין אור־צושטאנד אונטער דיא מענשען, אונד, וויא עס שיינט, האט אויך דאמאלס עקזיסטירט אייפערזוכט, אבער נאר אויף איין זייט, דאס הייסט, ביי דיא מענער. דער הערר אליין, דער מאן, האט געהאט דאס רעכט ניט צו ערלויבען זיין שקלאפין, דיא פרוי זאל אוועק געבען פון איהר ליעבע צו אנדערע, וועלכע ער האט בעטראכטעט אלס זיין אייגענטהום.

מיר זעהען עס נאך דערפאר יעטצט, אז זאגאר אונטער טוגענדהאפטע אונד זעהר מאראלישע פרויען, ווען זיא ערהעבען זעהר א שוואכען פראטעסט ווען דער מאן איז איהר אונטרייא, וועהרענד ער, דער מאן אונד הערשער, הרג'עט דיא פרוי מיט דעם מאן, וועלכען זיא האט אוועק געשענקט איהר ליעבע.

דיא נאטור אלזא האט דא געמאכט א גרויסען אונטערשיעד צווישען דער ליעבע פון דעם מאן צו דער פרוי, אונד צווישען דער ליעבע פון דער פרוי צום מאן.

דיא פרוי ליעבט דעם מאן אלס שקלאפין, אלס אונטערגעבענע, — זיא מוז איהם ליעבען! דער מאן וויעדער איז גלייכגילטיג; ער ליעבט דיא פרוי לויט דיא אומשטענדען, וויא עס פאסט איהם, אונד ווען עס פאסט איהם ניט, דאן ליעבט ער וועמען ער וויל.

אבער דער פארטשריט דער מענשהייט האט אויך געמאכט איין ענדערונג אין דיעזען אור־צושטאנד. דיא הילפלאזינקייט פון דער פרוי איז שוואכער געווארען,

אונד זיא האט זיך אָנגעהויבען ארויס צו העלפען אויף אזוי וויט, אז זיא זאָל קענען ווערען אונאבהענגיג אונד ניט זיין אונטערוואָרפען צו דעם מאַן אלס איהר הערר־שער.

מיט אונאבהענגינקייט פּלאַטצען דיא קייטען פון שקלאַפעריי. דיא פרוי וואס קען זיך זעלבסט שיטצען, זעלבסט העלפען, פערלירט דיא אונטערטהעניגע נאַטור אונד זיא וויל האבען דאסזעלבע רעכט וויא דער מאַן.

מיט דיעזען פאָרטשריט אין דער מענשהייט, זיינען אויך געענדערט געוואָרען דיא אלטע צושטענדען. דיא פרוי וואס בילדעט זיך, פערשטעהט, בעגרייפט אונד קען זיך העלפען, וויל ניט זיין קיין שקלאַפין. אין דיא לענדער וואו דיא פרוי האט געקריענען דיא מעגליכקייט צו ווערען אביסעל אונאבהענגיג, איז געפאלען דער מנהג פון פיעל־ווייבעריי.

„מיט וועלכען רעכט הייראטעט דער מאַן פיעל פרויען אונד דיא פרוי דארף מעהר ניט האבען וויא איין מאַן?“ האט דיא רעבעלישע אָבער פערנינפטיגע פרוי געפרעגט.

דיא פרויען, וועלכע האבען רעוואָלטירט אונד טהיילוויז געזיעגט, האבען פער־אורזאכט וואס עס האט זיך אין זייא ערוועקט א נייעס געפיהל, וועלכעס איז זעהר לאַנג געלעגען אין היהנער־פּלעט. דיא פרוי איז געוואָרען אייפערזיכטיג וויא דער מאַן אונד האט אָנגעהויבען צו פערלאַנגען, אז גראדע וויא זיא איז זיין איינציגע פרוי, וויל זיא אויך ער זאָל זיין איהר איינציגער מאַן.

ווען דער מאַן האט דאס ניט בעפאָלגט, האט אין איהר זיך אָנגעצונדען דיא אייפערזוכט.

דיא אייראָפּעאישע פרוי, וועלכע האט אין זיך דאס ענטוויקעלטע געפיהל פון זעלבסטשטענדיגקייט, האט פערלוירען דיא גלייכגילטיגקייט פון דער אָריענטאלישער הארעם־פרוי, וועלכע פּראָטעסטירט אפילו מיט קיין וואָרט, ווען איהר מאַן אונד הערר־שער ברענגט זיך אריין נאָך א פרוי, א שענערע אונד א אינגערע אלס זיא איז. דיא אייראָפּעאישע פרוי מיט דעם געפיהל פון זעלבסטשטענדיגקייט אונד פערזענליכעס רעכט, איז גראדע אזוי אימשטאנדע צו בעשטראפען איהר מאַן פאר אונטרייהייט צו איהר ליעבע וויא דער מאַן קען בעשטראפען דיא פרוי פאר דער אונטרייהייט צו זיין ליעבע.

דער פאָרטשריט דער מענשהייט שטעלט אלזא דיא פרוי אויף א גלייכען פוס מיט דעם מאַן, אונד פאַנגט אָן אויסצוגלייכען דיא ליעבעס צווישען מאַן אונד פרוי.

נאטירליך איז עס ניט זעהר לייכט אויסצו־וואָרצלען איין אלטע געוואָהנהייט. דער מאַן, וועלכער הייראַטהעט נאָר איין פרוי, אין דיעזע לענדער וואו עס איז אַזוי איינגעפיהרט געוואָרען, בלייבט זעלטען טרייא צו דער ליעבע פון דיעזער פרוי. אין זיין נאַטור, וואס ער האט ערהאלטען בירושה פון זיינע אור־עלטערן, ליעגט עס צו בעזיטצען מעהרערע פרויען, זיך אָבוועקסלען אין דער געשלעכטליכער ליעבע, אונד ער ווערט שווער קענען איבערשטעהען דעם נסיון זיך צופריעדען שטעלען מיט דער איינציגער פרוי.

דיא פרוי ווידער האט אויך בירושה פון איהר אור־עלטערן, צו בלייבען טרייא איהר מאַן, אונד דערפאַר, גראַדע וויא מען טרעפט זעלטען א מאַן וואס זאָל בלייבען טרייא זיין פרוי, אַזוי איז עס אויך מיט א טוגענדהאַפטע פער־הייראַטעטע פרוי, זיא זאָל בלייבען אונטרייא איהר מאַן.

דער מאַן איז שוין געוואָהנט געוואָרען אויפצופאַסען איבער זיינע פרויען אונד זייא אימער בעשולדיגען אין אונטרייהייט. פון איהם איז קיין רעדע ניט; ער מעג אלעס, וויל ער איז דער הערר אונד הערשער. דאס איז אויך דיא אורזאכע, וואס מען הערט יעטצט נאָך, אין דיא ציוויליזירטעסטע לענדער, אימער וויא דיא מענער שרייען, אַז דיא פרויען זיינען ניט געטרייא דיא מענער.

דער וואהרער צושטאַנד איז אָבער אקוראַט פערקעהרט. ווען מען געפינט אונטער 200 מענער איין מאַן וואס איז געטרייא צו זיין פרוי, איז עס א זעלטענהייט, וועהרענד ווען איין פרוי אונטער טויזענד איז ניט טרייא אין ליעבע צו איהר מאַן, איז עס נאָך א גרעסערע זעלטענהייט.

עס איז נאָר איין אלטע געוואָהנהייט צו בעשולדיגען דיא פרויען אין מעהר אונטרייהייט צו געשלעכטליכער ליעבע אלס דיא מענער, אָבער אין פראַקטישען לעבען איז דאס קיין וואהרהייט.

צעהנטעס קאַפּיטעל.

דיא הייראַטה.

איז דיא הייראַטה א בעקוועמליכקייט אָדער א נאַטור־בעדירפניס? פיעלע מענער אונד פיעלע פרויען פון דיא ציוויליזירטע פעלקער ענטפערן דאראויף: „דיא הייראַטה איז א העללע אונד א פלוך פון דער נאַטור.“ אָבער א גרעסערער טהייל זאגט: „דיא הייראַטה איז דיא ערשטע סטאַציאָן פון ווירקליכעס לעבען אונד איז נאַטור'ס ברכה.“

עס הערשט איבערהויפט ניט נאָר א מיינונגס־פערשיעדענהייט אונטער דיא מענשען וועגען דער הייראטה, זאָנדערן דיא געפיהלע וואס יעדער שפירט אין פער־הייראטעטען לעבען, זיינען גאר ניט גלייך.

אָבער וואס איז הייראטה איבערהויפט?

אין דיא אַלטע צייטען, ווען דיא עקאָנאָמישע צושטענדען האבען ניט גע־צוואונגען דעם מאַן אונד ניט דיא פרוי צו לעבען צוזאמען, האט געהערשט אונטער מאַן אונד פרוי א פעראייניגונג בלויז געשטיטצט אויף געשלעכטליכער ליעבע. ווען דיעזע ליעבע האט אויפגעהערט, האט אויך גענומען א סוף פון דער פעראייניגונג. יעטצט זעהען מיר, אַז הייראטהען ענטשטעהען ניט אימער דורך געשלעכטליכע ליעבע אונד הערט אויך ניט אויף דורך געשלעכטליכען האס.

דער וואָלף פון דעם וואלד, פון וועלכען אונזער הויזליכער הונד שטאמט אָב, איז א געזעלשאפטליכעס טהיער, אונד דערפאר לעבט ער אימער אין געזעלשאפט מיט אנדערע וועלף, אפילו ווען עס איז ניט דיא צייט פון דער ערהיטצונג; דיא ווילדע קאטץ אין וואלד, פון וועלכער אונזער הויזליכע קאטץ שטאמט אָב, איז קיין געזעלשאפטליכעס טהיער, אונד דערפאר זוכט זיא נאָר אויף דאמאלס דיא געזעל־שאפט פון איהר מאַן, ווען עס קומט דיא צייט דער ערהיטצונג.

צווייא וועלף אָדער צווייא הינט אונד מעהרערע, וועלען ארויס געהען צוזאמען זוכען שפייז, אונד איינער וועט העלפען דעם צווייטען אום דיעזע שפייזע צו קריעגען; א קאטץ געהט קיינמאל ניט כאפען קיין מייז אין געזעלשאפט פון אנדערע קעטץ.

דער מענש איז אויך א געזעלשאפטליכעס טהיער אונד ער ליעבט אויך צו לעבען צוזאמען מיט אנדערע פון זיין מין.

א היבשער טהייל פון אונזערע הייראטהען געשעהען אלזא דורך דער נאטור אין מענשען צו לעבען געזעלשאפטליך.

לאָמיר אָננעהמען א מאַן וואס האט ערררייכט זיין 25־טעס אָדער 30־טעס יאָהר. ווען ער האט עלטערן אונד שוועסטער, דאַן איילט ער זיך ניט צו הייראטהען מיט דער צערעמאָניע. פיעלע פון דיעזע מענער ערפיללען זייער געשלעכטליכע ליעבע דורך פראָסטיטוציאָן אונד האבען נאכהער דיא געזעלשאפט אין דער היים. ווען דער ערוואקסענער מאַן האט אָבער קיין אייגענע פאמיליע אונד איז געצוואונגען צו לעבען אליין, ווערט איהם נמאס אזא פיהרונג אונד ער זוכט דיא געזעלשאפט, לויט דער נאטור פון א געזעלשאפטליכעס טהיער.

דיעזע געזעלשאפט זוכט ער צו געפינען אין א פרוי אונד נאכהער אין קינדער. אזעלכע הייראטהס־קאָנטראַקטען ווערען אימער געשלאָסען דאדורך ווייל דער מאן זוכט צו ערפילען דעם וואונש פון דער נאטור, דערמיט וואס ער איז א געזעלשאפט־ליכעס טהיער.

א צווייטע אורזאכע איז פערהאנדען, וואס דער מאַן, וועלכער ערפילט זיין געזעלשאפטליכען ליעבעס־גענוס דורך פּראָסטיטוציאָן, פאנגט אָן צו פערהאסען אזא לעבען, וועלכעס ברענגט איהם קיינמאל ניט קיין וואהרען פונק פון ריינער ליעבע אונד ער איז נאָך אויסגעזעטצט צו פערשיעדענע קראַנקהייטען.

ער געהט דערפאר לויז ווערען פון פּראָסטיטוציאָן אונד זיך שיטצען פאר קראַנקהייט וואס פּראָסטיטוציאָן ברענגט.

א דריטע אורזאכע זיינען דיא עקאָנאָמישע צושטענדען. דער מאַן פערשטעהט, אז ער וועט זיך פערהייראטהען, וועט ער האבען א געטרייען שקלאַף איהם צו בעדיענען, שפּארען פון זיינע פערדיענסטען, אכטונג געבען אויף זיין אייגענטהום, אונד איבערהויפּט אריין ברענגען א נדן אום צו פערבעסערן זיין פינאנציעלע לאגע.

א פיערטע אורזאכע איז פערהאנדען, ווען א מאן ערבליקט א שעהנעס פרויענצימער אונד זיין פאנטאזיע מאָלט איהם אָב איהרע גליעדער, קערפּער אונד גייסט, וועלכע וועלען איהם צוזאמען קענען פערשאפען אזוי פיעל געשלעכטליכעס פערגניעגען וויא ער בענעטהיגט, אונד ער הייראטהעט מיט איהר דערפאר.

א פינפטע אורזאכע איז דיא בעוואונדערונג פון א פּערזאָן, דיא אנציהונג צום גייסט פון א פרויענצימער, דיא פערגעטערונג זאָגאר פון איהרע חסרונות — דאס איז וואס מען רופט „דיא וואהרע ליעבע.“

בייא פרויען געבען נאך מעהר אורזאכען ווארום מען הייראטהעט. פאר אלעמען איז דער וואונש פון דער נאטור צו פּראָדוצירען דעם מין, אונד, ניט האבענדיג קיין עהנליכע געלעגענהייט וויא דער מאַן זיך צו בעפריעדיגען, מוז זיא הייראטהען אונד האבען א מאַן.

אָבער דיעזער ציעל פון הייראטה בייא א פרויענצימער, בעזיטצט זעהר פיעלע צווייגען.

דאס פרויענצימער האט זעלטען א פרייע וואהל זיך אויסצוקלייבען וועמען זיא וויל אונד ווער עס פאסט פאר איהר. דיא עקאָנאָמישע צושטענדען פון איין זייט אונד דיא געזעלשאפטליכע איינפיהרונגען פון דער אנדערער זייט פערהינדערן עס.

דיא נאַטור, צום ביישפּיעל, וויל ניט וויסען פון קיין פערשיעדענע רעליגיעזע מיינונגען. ווען א פּראָטעסטאַנטישעס מעדכען ווינשט צו הייראַטהען מיט א קאַטאָליק, אונדביידע שטימען איין דארויף, קומט דיא רעליגיאָן אונד הינדערט אזא פעראייניגונג.

דאַגעגען אָבער בעהויפּטעט דיא געזעלשאַפטליכע איינפיהרונג, אז א מנהג אונטער מענשען ברעכט אפילו א דין אין דער נאַטור.

דיא נאַטור ווינשט דיא פעראייניגונג צווישען יונגעס בלוט מיט יונגעס בלוט. אָבער ווען דער מאַן איז א יחסן, צום ביישפּיעל דער זוהן פון איין אנגענומענעם מענשען, אָדער געלד מאַכט איהם אליין פאַר א יחסן, זאגט דיא געזעלשאַפטליכע איינפיהרונג, אז מען דאַרף מיט אזעלכען הייראַטהען. ווען אזא חתן איז אלט, אָבגעלעבט אונד געשמאַקלאָז פיר דאס יונגע מעדכען, בייגט מען דאס אלעס אוועק אונד מען הייסט הייראַטהען.

א פרוי אין איין עפענטליכעס הויז וואס פיהרט צו יונגע מיידלעך צום צוועק פון פּראָסטיטוציאָן פיר מענער, ווערט פעראַכטעט אונד פערהאַסט, א מוטער וואס פיהרט צו איהר יונגע טאָכטער אלס אָפּפער אויף'ן מזבח פון איין אלטען מאַן, ווערט געאַכטעט אונד געשעצט. אין דער וואהרהייט געשפּראָכען אָבער, איז א גאַנץ קליינער אונטערשיעד צווישען זייא.

אונזערע איינגעפיהרטע מיינונגען איבער הייראַטה אונטער מענער אונד פרויען, איז א מערקווירדיגע. דיעזע מיינונגען האבען ערקלערט קריעג געגען דער נאַטור מיט דער אבזיכט זיא צו בעהעררשען, אָבער זייא קענען עס ניט.

א מאַן פון א יאָהר 25 אָדער 30, בעשליעסט צו הייראַטהען. אונזער געזעלשאַפט זאגט, אז דאמאלס איז דיא צייט דאפיר אונד ניט פריהער. דיא נאַטור וויעדער האט בעשטימט דיא הייראַטה בייא דעם מאַן אין אונזערע געגענדען, צו 17, 18 אָדער 19 יאָהר. בייא א מעדכען נאָך עטוואס פריהער.

אָבער דער מאַן, זאגט דיא געזעלשאַפט, דאַרף ערשט הייראַטהען צו זיין 25־טעס אונד 30 יאָהר. אונד ביז דאמאלס? אָה, דאס איז קיין סוד ניט — ביז דאמאלס פּראָפיטירט ער זיך פון פּראָסטיטוציאָן.

זאָגאַר דיעזע וואס פּרעדיגען געגען פּראָסטיטוציאָן בעהויפּטען, אז עס איז גוט ווען דער מאַן לומפּט זיך אויס אין דער פריהער יוגענד, דאמיט ער זאָל קענען זיין איין אנשטענדיגער מאַן נאָך דער חתונה.

דאס מעדכען, וואס האט בעדאַרפט הייראַטהען צו איהר 16־טעס, 17־טעס

אָדער 18־טעם יאָהר, הייראַטהעט, וויא געוועהנליך, צו איהר 21־טעם ביז צום 25־טען יאָהר.

ער, דער מאַן, פּראָסטיטוּאירט דערווייל אונגליקליכע פרויענצימער, אונד זיא, דאס מעדכען, ליידעט דורך דעם צאַם וואס מען האט איהר געשטעלט צו ערפּיללען נאַטור׳ס וואונש.

דאַן קומט דיא הייראַטה. דער אויסגעלומפּטער מאַן, וועלכער האט שוין גע־זעהען אַלערלייא פרויענצימער אין פערשיעדענע לאַגעס אונד פאָרמען צו זיין גע־שלעכטליכער ליעבע, געפינט מעהר ניט אין זיין אונשולדיגער פרוי דיעזע הייליגקייט, מיט וועלכער דיא נאַטור האט זיא בעשטימט פיר דעם מאַן. ער קוקט אויף איהר גאַנץ גלייכגילטיג, אונד, אנשטאַט איהר קערפּער זאָל אין איהם ארויס רופען דעם ברענענדען רייץ צו ערפּיללען נאַטור׳ס וואונש, בעטראַכטעט ער דאס אַלעס בלויז אַלס א מאָמענטאַלען צייט־פערטרייב.

דיא פריהעריגע געוואָהנהייט צו דער וועקסלונג פון פרויענצימער, ענטשטעהט אין איהם באַלד וויא ער האט זיך אַביסעל צוגעוואָהנט צו דעם וועקסעל אין דער הייראַטה, אונד ער געהט באַלד זוכען פּאַרטצוזעטצען זיין פריהעריגעס לעבען. זיין פרוי בעטראַכט ער בלויז — ווען זיא איז שעהן — אַלס א ציערונג אין הויז, אונד ווען ער קען זיא ניט פּאָרשטעלען פאר זיינע פריינדע, דאַן איז זיא פיר איהם א בּוקוועמליכקייט.

אונד זיא? וואס איז מיט דיעזען פרויענצימער וואס האט געשמאַכטעט אזוי פיעלע יאָהרען צו ערפּיללען נאַטור׳ס וואונש? זיא ליידעט. דיא פרויען, וועלכע האבען בטבע מעהר בושה אַלס דיא מענער, זיינען אויסגעזעטצט אין זאָלכע פעללע צו אויסעראָרענטליכע שמערצען. פון איין זייט פערצעהרט זיא אייפערזוכט אונד פון דער אַנדערער דער אונערפּילטער וואונש פון דער נאַטור.

עס איז גאַנץ נאַטירליך וואס אזא פרויענצימער זאָל פערלירען דעם רעספּעקט פאר איהר מאַן, אונד, בייא דער ערשטער אונד בעסטער געלעגענהייט, זוכט זיא וויא צו בעפריעדיגען איהר נאַטור. ווען זיא ווערט אָבער געפּאַקט בייא דער טהאַט, אַז זיא שענקט אוועק איהר געשלעכטליכע ליעבע צו איין אַנדערן, דאַן ווערט זיא פערהאַסט, געשענדעט אונד פעראַכטעט.

אונזער עטיקעטע־געזעלשאַפט וויל ניט וויסען דערפון, אַז זיא ליידעט אונד איז נאַטור׳ס א וועקר־צייג; אונזער געזעלשאַפט וויל אויך ניט וויסען פון דיא אורזאַכען, אונד דער לומפּיגער מאַן, וועלכער האט נאָך ניט אויפגעהערט צו פּראָסטיטוּאירען אַנדערע פרויענצימער, שפּירט זיך אַלס דער הערר אונד הערשער.

„איך מעג,“ טענה'עט ער, „ווייל איך בין א מאן, אָבער דוא טאָרסט ניט, ווייל דוא ביסט א פרוי.“

איין אנדערער פאל אונטער זאָלבע אומשטענדען פאסירט, וואס דער מאן האט שוין פריהער פערלוירען אלע זיינע קרעפטען אונטער דיא אונגליקליכע פראָסטיטוטקעס, אונד ער הייראטעט מיט א יונגעס מעדכען, וועלכע האט נאך אין זיך דאס גאנצע פייער פון געשלעכטליכער ליעבע. ער איז מעהר ניט אימ־שטאנדע צו בעפריעדיגען אפילו איין פרויענצימער, נאָר ער זאגט דאס ניט. ער בעהויפטעט בלויז: „איך בין גוט, פרום, אנשטענדיג אונד געטרייא מיין פרוי. איך האב געהייראטהעט אונד מיין פערגאנגענהייט איז פערשוואונדען. יעטצט האב איך איין היימאטה אונד איין פרוי.“

אָבער קען זיא אויך דאסזעלבע זאגען? ניין! זיא האט ניט אויפצוציינען אזא פערגאנגענהייט אונד קען דערפאר ניט האבען אזא געגענווארט וויא איהר מאן. אין איהר דרינגט דיא נאטור אונד פערלאנגט געשלעכטליכע ליעבע. זיא בע־דארף א געזונדען אונד פאָלקאָמענעם מאן, ניט אזא שברי־כלי וואס האט פער־לוירען זיין יוגענד וועהרענד זיא האט געהיט איהר אונשולד. ווען זיא וואגט אָבער צו ערפילל'ען נאטור'ס וואונש, דאן ווערט זיא פערדאמט, אונד אונזער געזעלשאפט טייט אויף איהר מיט דיא פינגער: „אָט, זעהט דיא אויסגעלאסענע, דיא פער־דאָרבענע, וועלכע האט איין אנשטענדיגען מאן.“

דאס גרעסטע פערברעכען אין אונזער געזעלשאפט, איז דיא הייראטה צווישען א יונגעס פרויענצימער אונד איין אלטען מאן. מען פערגעסט אן דיא פאָדערונגען דער נאטור, אונד מען דענקט נאָר אום דיא בעקוועמליכקייטען אין לעבען. אָבער גראדע דיעזע בעקוועמליכקייטען אין לעבען, פאר וועלכע א יונגעס מעדכען הייראטעט איין אלטען מאן, זיינען שפעטער דיא הויפט־אורזאכען ווארום דיא יונגע פרוי שפירט מעהר געשלעכטליכע ליעבע אונד זוכט דיעזע צו ערפיללען אויף אירגענד איין ארט.

דיא וואהרהייט איז, אז דאס אונגליק אין פערהייראטעטען לעבען, שטאמט נאָר פון דער אונגלייכהייט אין דער הייראטה אונד דורך דיא עטיקעטע־איינ־פיהרונגען פון אונזער געזעלשאפט.

ווען דער מאן האט א פרייע וואהל אונד דיא פרוי אויך דאסזעלבע; ווען ביידע בליקען פאר אלעמען צו נאטור'ס וואונש פון געשלעכטליכער ליעבע אונד שפעטער צו עקאָנאָמישע צושטענדען, דאן איז דיא הייראטה, אונטער אירגענד א

בעדינגונג, א גליקליכע. עס ענטשטעהט צווישען מאן אונד פרוי א פריינדשאפט אונד א פערטרויען, וועלכע ענדיגט זיך מיט א לעבענס־פעראייניגונג.

ווען דער פאל איז אבער אומגעקעהרט, אונד מען וויל טהון להכעיס דער נאטור, דאן פאלגט אונצופריעדענהייט, אונגליק, האס אונד פעראכטונג.

עלפטעס קאפיטעל.

די „וואהרע ליעבע."

זייט די רעאליסטישע ראמאנען־שולע איז ענטשטאנדען, אונד זייט די נעד לעהרטע וועלט האט זיך אנגעפאנגען צו בעשעפטיגען מיט דער פסיכאלאגיע פון ליעבע, הערשט א גרויסער קאמפף צווישען צוויא פארטייען אין דער בעציהונג פון ליעבע.

איין פארטייא בעהויפטעט, אז עס עקזיסטירט וואהרע, ריינע אונד היילינע ליעבע, אונד דיעזע איז דויערהאפט, אונשטערבליך אונד אונצוערשטערבאר אונטער די ליעבענדע מאן אונד פרוי.

די צווייטע פארטייא זאגט, אז אזא ליעבע עקזיסטירט גאר ניט. יעדע ליעבע צווישען מאן אונד פרוי, האט איין אורזאכע, וועלכע בעשטעהט אין ציעל פון פארטפפלאנצונג אונד ניט מעהר.

די ערשטע פארטייא, וואס בעהויפטעט די עקזיסטענץ פון וואהרע ליעבע, בעצייכענט דיעזע אויף פאלגענדען ארט: א מאן קען זיך פערליעבען אין א פרויענ־צימער אונד ער זאל שפירען אז זיין הערץ, זיין געהירן, זיין גאנצעס לעבען, איז איינגעוויקעלט אין דיעזער ליעבע, אונד ער איז בערייט אירגענד עטוואס צו טהון פיר דיעזע, וועלכע ער ליעבט. עס ווערט בעשטריטען די בעהויפטונג פון געשלעכט־ליכער ליעבע אין אזא פאל, דורך מעהרערע ביישפיעלע. מיר האבען געזעהען אין לעבען, דאס א מאן האט זיך פערליעבט אין א פרויענצימער; זיין ליעבע איז געד גאנגען אזוי וויט, דאס זעהענדיג, אז דיעזעס פרויענצימער איז ניט ענטשלאסען דעם מאן צו הייראטהען, האט דער פערליעבטער ערפאהרען פון דער געליעבטער'ס וואונש, אז זיא וויל הייראטהען איין אנדערן, אונד, אום איהר נייגונג נאכצוגעבען, האט ער אליין געשפיעלט די ראלע אלס שדכן, איהר געהאלפען זיך צו פער־אייניגען מיט דעם אנדערן, אונד זיך נאכהער געשפירט גליקליך מיט איהר צופריעדענהייט. עהנליכע פעללע האט אויך פאסירט מיט פרויען, וועלכע האבען זיך פערליעבט אין מענער.

די הויפטזאך איז, וואס דיעזע הערצען האבען געזוכט צו בעווייזען, אז דיעזע ליעבע איז אהן איין אורזאכע; זיא איז אויפאפפערענד אונד ערווארטעט קיין בעלאהנונג.

די אנדערע פארטייא האט ווידער אנדערש ערקלערט דיעזע ליעבע. זייא האבען געזאגט: לאמיר פריהער זעהען וויא אזוי אזא ליעבע ענטשטעהט. אמת, אזא ליעבע איז ניט זעהר אפט, אונד, עס געבען מענער אונד פרויען, וועלכע לעבען אויס זייערע יאהרען, אונד האבען אפילו ניט פערזוכט דעם טעם פון אזא ליעבע. עס איז א זעלטענע ליעבע, אבער ליעבע אהנע אורזאכע, ליעבע אהנע נאטור׳ס א געוויסען צוועק, עקזיסטירט ניט, אונד דערפאר איז די בעהויפטונג פון דער ערשטער פארטייא גראדע אזוי אונבערעכענט אונד בלינד, וויא אזעלכע ליעבעס זיינען.

אלזא, מען מוז געדענקען, אז א מאן וואס פערליעבט זיך אזוי אין א פרויענ־צימער, קענען מיר ניט זאגען, אז דער מאן איז יונג, שעהן, שטארק אונד פער־ניינפטיג אונד ער האט זיך פערליעבט אין איין אלטער, מיאוס׳ע, שוואכע אונד נארישע פרוי. וויא געוועהנליך (אונד אהנע אויסנאהמע) מוז דיעזע, אין וועלכער א יונגער מענש מיט פעהיגקייטען פערליעבט זיך, בעזיטצען וועניגסטענס איינע פון די פריהעריגע מעלות, ווען זיא בעזיטצט ניט אלע צוזאמען. אבער, איבער אלעמע, מוז דיעזע, אין וועלכער מען פערליעבט זיך, זיין שעהן אונד בעזיטצען די וואהרע פרויען־צערטליכקייט.

דער פערליעבטער זעהט אין איהר א הערליכען קערפער, מאסיווע גליעדער, איין אנציהענדעס געזיכט, דורכדרינגענדע אויגען, א זיסען שמייכעלע א. ז. וו. דאס בילד פון זיין ליעבע, אדער די פאנטאזיע פון זיין ליעבע, קאנצענטרירט זיך אויף דער פארמע פון דער געליעבטער.

ווען דער מאן פערווערטהעט אויך גייסט אונד געשמאק, וועט ער ווייטער בעוואונדערן די גראציע פון דער געליעבטער, איהר שפראכע, איהר אויפפאסונגס־קראפט אונד פערנונפט. די ליעבע וואקסט מיט דער פאנטאזיע פון די זעלטענע אייגענשאפטען וואס דער פערליעבטער געפינט אויס אין דער געליעבטע. ער קאנצענטרירט אלע זיינע געדאנקען אויף דעם געגענשטאנד פון זיין ליעבע, אונד זיין הערץ ווערט יעדעס מאל אלס אנגעפיללטער מיט די געפיהלע וואס זיינע אויגען אונד זיינע איבריגע חושים האבען אנגענומען פון דיעזער ליעבע. דער געגענשטאנד פון זיין בעוואונדערונג ווערט בייא איהם אזוי טהייער, אז זיין הערטה שטיינט אלין העבער אונד העבער.

יא, מיר זאגען דאָ, שטייגען העכער אונד העכער, דען עס שפּיעלט, זאָגאר בייא אזא ליעבע, דיא גרויסע ראָלע פון ערדרייכען דעם געגענשטאנד פון דער ליעבע. איז דעם מאַן געלונגען באלד צו ערדרייכען דיא געליעבטע פון זיין הערצען, דאן קריעגט דיא גרעסטע ליעבע, ווען ניט קיין ריק־גאנג, זאָ פּראָגרעסירט זיא וועניגסטענס ניט ווייטער. ווען עס געבען אָבער הינדערגיסע אין וועג, דאן ענטשטעהט אין מענשען דיעזעס נאטור־געפיהל פון קעמפּפען אונד ערדרייכען דעם געגענשטאנד צו וועלכען ער גלוסט. וואס שווערער דער קאמפּף, אלס בעליעבטער איז דער געגענשטאנד פיר וועלכען מען קעמפּפט.

מיט דיא פרויען איז עס אויך אויף אונגעפעהר אזא ארט. זיא ערבליקט א שעהנעם אונד געזונדען מאַן. ווען זיא איז פאַרטנעשריטען אונד ער איז שארפזיניג, דאן וועט זיא אויך וויסען וויא צו פערוועדטהען זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען.

אָבער, אין דער וואהרהייט געשפּראָכען, האט דיא נאטור קיינמאל ניט בעד־אבזיכטיגט אריין צו מישען גייסטיגע בעוואונדערונג אין איהרע ליעבעס. דאס זעהען מיר פון דער ערפאהרונג.

אז א מאַן זאָל שפּירען אזא ליעבע, וויא מיר האבען פריהער אויסגערעכענט, צו א פרויענצימער, וועלכע איז העסליך אונד אבשטויסענד, נאָר דאפיר וואס זיא האט גייסטיגע פעהיגקייטען, דאס האט נאך ניעמאלס פּאסירט. א מאַן קען בעד־וואונדערן א גייסטרייכע דאמע, ער קען זיא אויך ליעבען וויא ער ליעבט א גייסט־רייכען מאַן; אָבער יענע ליעבע פון פאנטאזירען איבער איהר אונד שפירען א הערץ־קלאפּפען ווען דיא געפיהלע ערוועקען זיך, האט נאך ניעמאלס פּאסירט. דאגעגען אָבער, האבען מיר שוין געזעהען אין לעבען, וויא פערנינפטיגע מענער, אליין יונג אונד שעהן, האבען זיך פערליעבט אין דומע אונד נארישע פרויענצימער, אין אויס־געלאסענע אונד הערצלאָזע פרויענצימער. דיעזע ליעבע איז ניט ענטשטאנדען דורך גייסטיגע פעהיגקייט וואס דער מאַן האט ערבליקט אין געגענשטאנד פון זיין ליעבע, זאָנדערן, ווען דער מאַן אנאליזירט מיט זיינע געדאנקען, דאן וועט ער זעהען, אז ער ליעבט דיא גליעדער, דעם קערפּער, דיא רייצענדע אויגען פון דעם פרויענ־צימער.

דאסזעלבע איז אויך אונטער פרויען. מיר האבען שוין מעהרערע מאל געזעהען אין לעבען, וויא א יונגעס, גייסטרייכעס אונד זעהר טוגענדהאפטעס מעדכען, האט זיך פערליעבט אין א דומען קערל, א שופט, איין אויסגעלאסענער, פערדאָרבענער, באנדיט, רויבער אונד אויך זאָגאר מערדער. אין איהרע רוהיגע מאָמענטען האסט זיא דיעזע אלע ניעדריגע איינענשאפטען, אָבער זיא ליעבט דאָך דעם מאַן, וואס

ליעבט זיא אין איהם? ווען זיא דענקט גוט נאך, דאן זעהט זיא איין, אז זיא ליעבט זיין שעהנע פיגור, זיינע ברייטע שולטערן, זיין מענגליכעס געזיכט, זיינע דורכ־דרינגענדע אויגען, אונד, קורץ — זיא ליעבט דעם מאן, דאס מענגליכע!

דיא פראגע, ווארום מענער קענען ליעבען פרויענצימער אזוי ווייט, אז זייא זאָלען זייא זעהען פעראייראטהעט מיט אנדערע מענער אונד גליקליך זיין מיט זעהר גליק, איז ווירקליך זעהר איין אינטערעסאנטע. עס איז דאסזעלבע אויך איבער פרויען. אָבער ווען מיר קוקען זיך אביסעל בעססער איין אין נאטור'ס ווינשונגען אונד שטרעבונגען, מוז אוועק פאלען יענע בעהויפטונג, אז עס עקזיסטירט ליעבע אָהנע אורזאכע, אָדער, וויא מען דריקט זיך בעסער אויס, אָהנע דער אורזאכע פון פאָרט־פלאנצונג.

וויא מיר האבען שוין פריהער דערמאָהנט, לעבען אויס מענער אונד פרויען זייערע יאָהרען, אָהנע צו שפירען יענע שטירמישע אונד וויטהענדע געפיהלע פון ליעבע, וועלכע דיא ראָמאנטיקער קענען אזוי גוט שילדערען. אזא ליעבע, מוזען מיר אָבער צוגעבען, איז אביסעל מעהר וויא דיא נאטור האט געקענט פאָרדערן. עס איז גראדע וויא מיר זעהען א מאן מיט איין אויסעראָרענטליכע קערפער־קראַפט, אבוואָהל ער בענעטהיגט זיא ניט. דיעזע קראפט איז צו איהם געקומען דורך פער־שיעדענע זייטיגע אורזאכען, וויא דיא נאטור אין איהר פריינעביגקייט, האט געגעבען אָהן א מאָס. עס איז דאסזעלבע מיט דער אויסעראָרענטליכער שעהנהייט פון א פרויענצימער.

דיא נאטור גיבט דעם מאן קראפט, ווייל ער איז א שיטצער, דער פרוי שעהנהייט אונד צארטהייט, ווייל זיא מוז בעשיטצט ווערען, אָבער דיא נאטור איז ניט גלייכמעסיג, אונד ווען עס איז אויסעראָרענטליך, דאן איז דיא נאטור אביסעל ארויס פון דיא האַלאַבלעס. אזעלכע פעללע אין דער נאטור, האבען מיר אונ־צעהליגע.

דער מאן דאַרף ליעבען א פרויענצימער צו איין צוועק: זיא צו בעשיטצען אונד פראָדוצירען דעם מין. אונטער דיא אויסעראָרענטליכע ליעבעס צו דיעזען צוועק, שטייגען אמאל דיא געפיהלע פון שוטץ אריעבער דיא בעשטימטע גרענעץ, אונד, אין דעם וואונש צו ערפילען אלעס וואס דיא בעשיטצטע בענעטהיגט, ווערט דער מאן אָדער דיא פרוי אויפאָפפערענד.

מיר האבען אויך בייגעוואָהנט דיא זעלטענע פעלע אין לעבען, וויא א מענש אויס ליעבע, ווען דערשטיקען אָדער פערניכטען דעם נעגענשטאנד פון זיין ליעבע, ראמיט קיין אנדערער זאָל פון איהם נעניעסען אפילו מיט דעם בליק.

אלע דיעזע זיינען ניט נאך דעם רעגעלמעסיגען גאנג פון נאטור'ס וואונש; זיא זיינען אויסערארענטליך אונד בילדען רעזולטאטען פון נאטור'ס אויס־נאהמען.

אָבער דיא אויפאפפערונג זעלבסט, גיבט אונז א גוטען ביישפיעל פון דער ריכטיגער בעדייטונג פון ליעבע. אונטער געוועהנליכע אומשטענדען ווייסען מיר, אז דיא ליעבע פון איין פערזאָן צו דער צווייטער, איז אום זיך זעלבסט צופריעדען צו שטעלען. מיר ליעבען דאס פרויענצימער, ווייל זיא פערשאפט אונז פערגניעגען; דאס פרוינצימער ליעבט דעם מאן, ווייל ער פערשאפט איהר פערגניעגען. דיעזע ליעבע איבערשטייגט אין אויסנאהמספעללע דיא גרענעץ. א מאן קען אמאל אזוי שטארק ליעבען א פרויענצימער, דאס איהר פערגניעגען איז אויך זיינעס, אונד ווען זיא האט פערגניעגען צו זיין פערהייראטהעט מיט איין אנדערן מאן, איז ער גליקליך מיט איהר גליק.

דיא אונטערשטע שורה פון ליעבע איז אלזאָ, עגאָאיזמוס – זעלבסט־ליעבע. ווייל מיר ליעבען זיך אזוי שטארק, האבען מיר פערגניעגען פון דעם פערגניעגען וואס דער געגענשטאנד פון אונזער ליעבע קען געניעסען.

א מאן ליעבט א פרוי ווייל זיא איז שעהן, רייצענד אונד אנציהענד, צום צוועק פון זיין געשלעכטליכער ליעבע. ער איז ניט פערליעבט, וויא מען זאגט, אין איהר גייסט אָדער נשמה, זאָנדערן ער ליעבט איהר קערפער וואס ערשיינט איהם אלס שעהן. ער ליעבט דיעזען שעהנעם קערפער, ווייל ער פערשאפט איהם גע־שלעכטליכען גענוס. א פרוי ליעבט א מאן, ווייל ער געפעלט איהר, ווייל זיא געפינט אין איהם א קערפער וואס זאָל צופריעדען שטעלען איהר געשלעכטליכען גענוס.

א מאן קען ליעבען א פרוי פאר איהר גייסט אונד שארפזיניגקייט, אָבער דיעזע ליעבע האט קיין פערבינדונג מיט דעם געשלעכטליכען גענוס, ווייל דיא נאטור טהוט אלעס מעגליכע צו מאכען א שעהנעם קערפער צו איהר צוועק, צו איהר ציעל, אונד זיא קען אלזאָ ניט ארבייטען געגען איהר אייגענעס געזעטץ, צו ליעבען דאס, וואס ערשיינט אלס העסליך פיר דעם געשלעכטליכען גענוס.

צוועלפטעס קאפיטעל.

געזעלשאפט אונד פריינדשאפט.

ווען מיר זעהען יעמצט דיא ענשהייט לעבען אין געזעלשאפט, ליעבען דיא געזעלשאפט אונד בעגעהרען דיא געזעלשאפט, דאן קענען מיר ניט זאגען, אז דאס

איז א מענשליכער מנהג. ניין, ניט דיא מענשהייט האט געשאפען דיא נעזעלשאפט זאָנדערן דיא געזעלשאפט האט געשאפען דיא מענשהייט.

דער גרויסער ענגלישער נאטור־פאָרשער, טשארלז דארווין, דערצעהלט אונז פון א געזעטץ אונטער דעם נאמען Survival of the Fittest (דאס איבער־לעבען פון דעם פעהיגסטען.) דארווין האט אונז געליעפערט צאָהלרייכע בעווייזע, אז דער פעהיגסטער לעבט איבער דעם אונפעהיגען.

דיעזעס אינטערעסאנטע געזעטץ אין דער נאטור, האט פאר אונז ערקלערט פיעלע געהיימניסע. ווען מיר פאנגען אָן אָבער צו פרענען אונד אונטערזוכען, וועלכעס דאס פעהיגסטע איז אין דער נאטור, איבערהויפט אונטער דיא בעוועגענדע ברואים, דאן קומען מיר צום רעזולטאט, דאז דיעזע פעהיגקייט בעשטעהט אין דער נע־זעלשאפט.

מיר זעהען ניט איין קיין אורזאכע, ווארום אין דיא וועלדער פון אפריקא, זאָלען זיך געפינען הונדערט מאל אזוי פיעלע אפען וויא טיגערן אָדער לייבען. נאך מעהר, דיא טיגערין אָדער לייבין פראָדוצירט עטליכע אויף איינמאל פון איהר מין, וועהרענד דיא אפע פראָדוצירט איין קינד; נאך מעהר, דער טיגער פרעסט אויף דיא אפע, אָבער ניט דיא אפע דעם טיגער. אונד דאָך, לויט וויא דיא געשיכטע פון אפריקא בעווייזט, ווערען פון דיא טיגערן אונד לייבען יעדעס מאל וועניגער אונד פון דיא אפען, ווען עס ווערט ניט מעהר (דורך דעם מענשען'ס פערפאָלגונג,) דאן ווערען זייא ניט וועניגער.

ווארום איז דאס? דער איינציגער ענטפער דארויף איז, ווייל דער טיגער אָדער דער לייב, איז ניט אזוי געזעלשאפטליך וויא דער אפע. דיא אפען ערבליקט מען כמעט אימער אין גרופען; זיא לעבען צוזאמען, געזעלשאפטליך. זייער געזעל־שאפטליכעס לעבען איז אויף אזוי פיעל אויסגעבילדעט, דאס ווען איינער פון זייא ווערט אָנגעגריפען, דאן וועט ערשיינען דיא גאנצע גרופע צו פערטהיידיגען דעם אָנגעגריפענעם.

א נאטור־פאָרשער דערצעהלט, דאס וואנדערענדיג מיט זיינע צוויא פריינדע איבער א פעלזען אין אפריקא, איז ערשיענען איין אפע גענוג נאהענט פון זייא, איינער זאָל קענען אויף איהם שיסען מיט א ביקס. א שוס האט געקראכט אונד דער אפע איז פערוואונדעט געוואָרען אונד אומגעפאלען צו דער ערד. דער פער־וואונדעטער אפע האט דאן אָנגעפאנגען פירכטערליך צו שרייען אונד איבער צוויא הונדערט אנדערע זיינען ערשיענען, אונד יעדער פון זייא, כאפענדיג א שטיין אין זיין לאפע, האט אָנגעפאנגען צו באָמבארדירען דיא דרייא מענשען. דיא לעטצטע,

האבענדיג געוועהר. האבען זייא נאטירליך דערשאָסען עטליכע אפען, אָבער דיא איבריגע האבען ניט אויפגעהערט צו ווארפען שטיינער ביז צווייא מענשען זיינען שווער פערוואונדעט געוואָרען. דיא אפען וואָלטען פיעללייכט דערהרג׳עט דיא מענשען, ווען א גרופע יעגער וואָלטען גראדע דאמאלס ניט ערשיענען צו הילף. דיא געזונדע אפען, זעהענדיג גרויסע געפאהר, האבען זייא געכאפט זייערע טויטע אונד פערוואונדעטע אונד זיינען ענטלאָפען.

דיא אפען אין זייערע געזעלשאפטליכער וואנדערונג, האבען זייא וועכטער אונד שפיאָנען. דיא ערשטע, וועלכע זיינען דיא שטארקערע מענער, פאסען אויף, וויא סאָלדאטען, דיא גרופע זאָל ניט בעפאלען ווערען פון רוקען אָדער פון דיא זייטען, אונד דיא שפיאָנען געהען פאָראויס אום זיך צו איבערצייגען אויב דער וועג איז זיכער. זייענדיג אין וואלד אונד ווען איין אפע ערבליקט א טיגער, דאן גיבט זיא א געשרייא, וועלכער הערט זיך פון אנדערע אונד דער געשרייא קלינגט אָב פון יעדען ווינקעל אלס ווארנונג פיר דער גרופע צו רעטען דאס לעבען.

ווען א יעגער שיסט א טיגער אונד א צווייטער טיגער זאָל שטעהען ניט וויים פון איהם אונד זאָל ניט זיין געטריעבען פון הונגער אָנצוגרייפען דעם מענשען, דאן וועט ער זיך אוועק געהען, גלייך וויא ניט איהם מיינט מען עס.

דיא מענשליכע געזעלשאפט, אין איהר ענטוויקעלטער פאָרמע, איז איין אב־שטאמונג פון דער אפען־געזעלשאפט. ניט דעם מענשען׳ס שוואכער קערפער אין פערגלייך צו דיא ריעזיגע חיות, האט בעזיעגט זיינע מעכטיגע געגנער, דיא אנדערע געפעהרליכע ברואים, זאָנדערן זיין געזעלשאפטליכעס לעבען; דאס האלטען זיך צוזאמען. עס איז אלזאָ א געזעטץ אין דער נאטור, אז איינינקייט איז מאכט, אונד עס איז קיין אונטערשיעד אויב דיא איינצעלנע גליעדער פון דער פעראייניגונג זיינען שטארק אָדער שוואך; כל־זמן עס איז דאָ איינינקייט, איז שוין דאָ מאכט.

אָבער דער מענש האט ניט איינגעפיהרט דיא געזעלשאפט, זאָנדערן דיא גע־זעלשאפט האט איהם געמאכט פאר דעם וואס ער איז.

יוען אין דעם מענשען וואָלט ניט געלעגען דער נאטור־טרייב צו לעבען געזעל־שאפטליך, נאך דאמאלס ווען ער איז געוועזען אין איין אור־צושטאנד, וואָלט ער ניעמאלס ערדייכט דיא הייכטיגע שטופע פון הערדשער איבער אנדערע ברואים.

אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, ליעגט אלזאָ א וואונש פון דער נאטור אז דיעזער מין ברואים, וואס לעבט געזעלשאפטליך, זאָל ווערען דער פעהיגסטער אונד איבערלעבען אנדערע.

דיא נאטור־געשיכטע בעוויזט אונז נאך אנדערע טהאטזאכען אין דיעזער בעציהונג, אז דיא חיות וואס האבען געלעבט וועניגער געזעלשאפטליך, אָדער גאר ניט געזעלשאפטליך, האבען פריהער אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס מין.

אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, ליעגט עקזיסטענץ, גראדע וויא עס ליעגט אין דעם וואונש פון דער ליעבע צור פעראייניגונג געשלעכטליך, עס זאָל ענטשטעהען דער מין.

דיא געגענווערטיגע מענשליכע געזעלשאפט, האט פערשיעדענע נעמען וויא אַנצורופען דיעזע געזעלשאפט. מאנכע זיינען פעראייניגט דורך פּאטריאָטיזמוס. דיעזעס געפיהל שטאמט פון יעדער אור־צייט, ווען א פאמיליע אָדער צווייא האבען געלעבט געזעלשאפטליך צוזאמען אויף איין שטיק לאנד, אונד שפּעטער, ווען זייא זיינען אויסגעשטאָרבען אונד זייערע קינדער זיינען צוריק געבליעבען, האבען עס דיא קינדער גערופען פאטערלאנד. עס איז פּאָזיטיוו ניט געווען לאנד וואס האט דיא מענשען פעראייניגט, זאָנדערן זייער געזעלשאפטליכעס לעבען אונד אומגאנג איינער מיט אנאנדער. היינטיגע צייט רופט מען דאס פּאטריאָטיזמוס, אונד דאס איז אויך אזוי פאלש וויא דער בעגריף פון יענע אור־מענשען.

אנדערע מענשען רופען זיך ברידער דאדורך ווייל זייא גלויבען אין איין זאך, אָדער זייא פערגעטערן איין איינבילדונג. דאס איז אויך א רעזולטאט פון איין אור־צושטאנד. אין דיא אלטע צייטען, האבען זיך דיא גלויבענס געבילדעט פון א געוויסען מיטעלפּונקט. לאָמיר אָננעהמען, אז איין אור־מענש האט צו עפּעס חשק געהאט אונד ערבליקענדיג דיא זונן פאר זיך, האט ער, אין זיין וואונש צו ערדייכען דעם געגענשטאנד, ניעדערגעקניעט אונד געבעטען צו דיעזען שטיק פייער, וואס איז אזוי מעכטיג אונד שטארק. דער וואונש איז, דורך א צופאל, שפּעטער ערפילט געוואָרען. דיעזער אור־מענש האט מיטגעטהיילט זיין שכן וויא אזוי דיא זונן האט איהם געהאָלפען. דער שכן האט איהם געגלויבט אונד אין א נויטה, האט ער אויך געבעטען צו דער זונן. צווייא מענשען האבען שוין אלזאָ געגלויבט אין איין זאך; דיעזער גלויבען האט זיך אָבער שפּעטער פערברייטעט אונד פערברייטעט, ביז א גאנצער שבט האט געגלויבט אין דעם.

דיא מענשען פון דיעזען שבט, אין זייער געזעלשאפטליכען פערקעהר אונד וואונש צו זיין נאהענט איינער צו אנאנדער, פלעגען זיך פערזאמלען צו געהען אויף דער יאגד, צו געהען כאפּען פיש, צו שערע זייערע שאף א. ז. וו. אזא פערזאמלונג אין זייא געווען אנגענעהם אונד אונטערהאלטענד. דאן האבען זייא בעשלאָסען אָנצוהייגען נאך איין אורזאכע אין דער פערזאמלונג, אונד זייא האבען עס געמאכט

דאמיט וואס זייא זיינען זיך צוזאמען געקומען צו דיענען דעם געגענשטאנד וואס העלפט זייא אלע — צו א גאטטעסדיענסט.

מיר וועלען ניט געהען צו וויט איבער דיעזער ערקלערונג, אונד מיר וועלען בליקען אויף דער געגענווערטיגער צייט. עס איז בעוויעזען געוואָרען, אז 90 פּראָצענט פון דיעזע וואס בעזוכען קירכען, טעמפּלען אָדער אנדערע געבעט־הייזער, קומען ניט אהין ספּעציעל דאפיר אום צוזאמען גאָט צו בעטען, זאָנדערן וויל דיא געזעלשאפט־ליכע צוזאמענקונפט איז זייא ליעב.

דערפון האט זיך אויף אויסגעבילדעט וואס אזא רעליגיעזע געזעלשאפטליכע פעראייניגונג האט איינגעפיהרט שעהנע געביידע, מיט קונסטפאָלע מאלערייען, אנ־גענעהמע מוזיק אונד שעהנע געזענגע. עס איז ניט געוועזען דערפאר אום בעסער נושא חן צו זיין ביי גאָט, זאָנדערן אום דיא געזעלשאפטליכע צוזאמענקונפט צו פערשענערן.

דער נאטור־טריעב צו געזעלשאפט אונטער דעם מענשען, איז אויף אזוי וויט ענטוויקעלט, דאס דער טויט איז מאנכע מאל ליעבער וויא צו זיין אליין. אין פערגניגען אונד טרויער, וויל דער מענש זיין אין געזעלשאפט. ווען מיר זיטצען אין א טהעאטער אונד עס איז ניטאָ גענוג מענשען אלס צושויער, איז אונז דאס פער־גניגען אונאנגענעהם; מיר וועלען זיך ניט שטעלען טאנצען איינער אליין, זאָנדערן ווען מיר וועלען זיך געפינען אונטער נאך טאנצענדע. ווען מיר בעקלאגען אונזערע טויטע פריינד, דאן ווילען מיר האבען געזעלשאפט מיט אונז מיט צו קלאגען אָדער אונז טרייסטען. זאָגאר עסען, ווילען מיר אויף בעסער אין געזעלשאפט.

עס ווערט דאָ ערוואָנט „עסען,“ וויל דיעזער פאקט איז דער וויכטיגסטער אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען פון דיא ברואים. כמעט אלע חיות, אפילו דיא הויזליכע, ווילען זיין אליין ווען זייא עסען; אין זייער הונגער רעכענען זייא, אז קיין זאך וועט גענוג זיין צום זעטען אונד זייא ווילען קיינעם ניט ערלויבען מיט זייא צו טהיילען דיא ־פּייז. עס זיינען זאָגאר נאך דאָ פּיעלע אזעלכע מענשען, אָבער דאָך, איז דאס געזעלשאפטליכע לעבען אונטער דיא מענשען אויף אזוי וויט ענטוויקעלט, דאס ער איז ניט נאָר א מכניס אורח, זאָנדערן ער שפּירט וויא מעהר געשמאק ווען ער געפינט זיך אין געזעלשאפט בשעת ער עסט.

מיר האבען אין דיא פערגאנגענע קאפּיטלען בעוויעזען, אז דאס גרויסע ליעבעס־געפיהל צו „אייגענע,“ דאס הייסט פון עלטערן צו קינדער, קינדער צו עלטערן, ברודער אונד שוועסטער א. ז. וו. איז א רעזולטאט פון א נאהענטער בעקאנט־שאפט. מיר וועלען בעסער אָנרופען דיעזע ארט ליעבע, פריינדשאפט, אלס

אונטערשיעד צו געשלעכטליכער ליעבע, אָדער ליעבע, וואס האט א געזעלשאפט־ליכען ציעל.

אָבער דיעזע פריינדשאפט, איז אויך ערשט א רעזולטאט פון דעם געזעל־שאפטליכען לעבען. מיר ליעבען דיא געזעלשאפט, אלס איין אַלגעמיינע זאך; מיר ליעבען, וועלען מיר זאגען, אלע מענשען, אָהנע אויסנאהמע, ווייל עס איז אונז אנ־גענעהם צו זיין אין זייער געזעלשאפט. אָבער מיר ליעבען קיין געוויסע איינציגע פערזאָן פון דער געזעלשאפט, ביז מיר זעהען ניט דיעזע פערזאָן אונד שליעסען א בעקאנטשאפט. פון נאהענטער בעקאנטשאפט ענטשטעהט דיא פריינדליכקייט צום צוועק פון געגענזייטיגען שוטץ, וויא צום ביישפיעל דיא פריינדשאפט צו קינדער. אָבער אויך דורך דערזעלבער אורזאכע, ענטשטעהט דיא געשלעכטליכע ליעבע.

מיר מוזען פריהער זעהען דיא נקבה פון אונזער מין איז אונזער געזעלשאפט, ביז מיר זאָלען זיך שפירען אנגעצויגען צו איהר.

אונזער ליעבע צו א פרויענצימער אונטער דיעזע אומשטענדען, האט אלזאָ דיא דאָפּעלע ווירקונג, ערשטענס, דורך דעם נאטור־טריעב צו לעבען געזעלשאפטליך, אונד צווייטענס, דורך דער אנציהונג פון פאסענדער געשלעכטליכער ליעבע.

אָבער דיא נאטור האט אימער צו יעדער איינשטימונג אויך א פּראָטעסט; דאס הייסט, גראָדע וויא מיר האבען ליעבע, אזוי האבען מיר אויך האס, אָדער, בעסער געזאגט, דיא גרויסע ליעבע איז דער געגענזאטץ פון גרויסען האס.

ווארום ליעבען מיר? ווארום שפירען מיר אנציהונג? דער ענטפער דארויף איז, ווייל דיא נאטור וויל אזוי. דערמיט שליעסען זיך אלע פראגען. אָבער דיא נאטור האט אויך זאכען וואס זיא וויל ניט. לאָמיר אָננעהמען צום ביישפיעל ווען צווייא גרופען מענשען לעבען איינע נעבען אנאנדער, אונד איינע איז שעדליך דער צווייטער דורך רויב, איבערפאל אונד אנדערע אנגריפע. דיא אנגעגריפענע גרופע, לויט א געזעטץ אין דער נאטור, זוכט זיך צו פערטהיידיגען אונד זיא פערטהיידיגט זיך אויך. אָבער אין דיעזער פערטהיידיגונג מוז ליעגען איין אנגריף אויף דעם געגנער, יענעם שלעכטס צו טהון. ווען מיר טהון יענעם שלעכטס, דאן זוכען מיר ניט זיין טובה, אונד פאָלגליך האסען מיר איהם.

מיר האסען דעם צווייטען, ווייל ער שטערט אונזער וואָהלזיין, אונזער גליק, אונד דיא נאטור האט אונז אין אזא פאלל גראָדע אזוי געגעבען דעם האס, וויא זיא האט אונז געגעבען דיא ליעבע.

א יונגעס מעדכען האט קיין אורזאכע צו האסען איין אלטען מאן, ווען ער האט צו איהר גאר ניט; אין געגענטהייל, זיא וועט איהם ליעבען אלס מיטגליעד

פון דער געזעלשאפט. אָבער ווען דיעזער אַלטער מאַן איז אַזעלכער, וועלכער האט זיא, דורך געוויסע צושטענדען אין אונזערע עקאָנאָמישע פערהעלטניסע, געצוואונגען איהם צו געבען איהר געשלעכטליכע ליעבע, וועלכע בעלאַנגט, לויט נאַטור־געזעטץ, צו א יונגען מענשען, דאַן האַסט זיא איהם. דאסזעלבע איז אויך מיט דעם יונגען מאַן געגען דער אַלטע פרוי, ווען ער איז געצוואונגען איהר צו געבען זיין געשלעכט־ליכע ליעבע.

אזא האַס, וועלכע איז גראַדע אזא געזעטץ אין דער נאַטור, וויא דיא ליעבע, שטערט אונזער געזעלשאַפטליכע פעראייניגונג.

דער מענשליכער געזעלשאַפטליכער טריעב האט דעמזעלבען צוועק פיר עקזיס־טענץ, וויא דער טריעב צו געזעלשאַפטליכער ליעבע, אונד, אונטער מענשען, נאָך מעהר וויא בייא אלע אנדערע חיות, דאַרף ער געהען האַנד אין האַנד, אָבער ער געהט ניט, דורך דיא מענשען־געשאַפענע עקאָנאָמישע צושטענדען.

אָבער דיא מענשליכע געזעלשאַפט, האט נאָך איין אנדערן איינפלוס איבער אונזער געשלעכטליכער ליעבע.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז אין אונזער געזעלשאַפטליכען אומגאַנג, שליעסט א מאַן מיט א מאַן פריינדשאַפט; זייא ליעבען זיך איינער דעם צווייטען פריינד־שאַפטליך, ווייל איינער האט דעם צווייטען גוטס געטהאַן אָדער זייערע נאַטורען שטימען זעהר גוט איין. אָבער אזוי וויא דעם מענשען'ס שטימונג איז אונטערוואָרפען וועקסלונגען, דאַן קען איינטרעטען צווישען דיעזע פריינדע גלייכגילטיגקייט אָדער גאַר האַס. דאס בעסטע מיטעל דאמאלס, אונטער אזעלכע אומשטענדען, איז, וואס דיא צווייא געוועזענע פריינדע, ניט קענענדיג מעהר האַרמאָנירען איינער מיט אנאַנדער, טהיילען זיך אָב. דאס איז זאָגאר אויך אונטער ברודער אונד שוועסטער אונד צווישען עלטערן אונד קינדער. אונטער מאַן אונד פרוי קען עס ניט אזוי זיין.

מיר האבען ביינגעוואָהנט אין לעבען, וויא מאַן אונד פרוי, וועלכע האַסען זיך אונגעהייער, זעטצען פאָרט צו לעבען איינע מיט אנאַנדער. אזא האַס ענטשטעהט מייסטענטהיילס דורך דער אורזאַכע פון געשלעכטליכער ליעבע. דער מאַן אָדער דיא פרוי איז זאַט געוואָרען פון דער געשלעכטליכער ליעבע וואס דיעזע צווייא פערזאָנען האבען פיעל אָדער ווענינ בעטריעבען. ער געפינט זיך איין אנדערע אָדער זיא איין אנדערן, וואו דיא געשלעכטליכע ליעבע קען מיט ליעבע אויסגעאיבט ווערען. עס איז א נאַטור'ס וואונש אזוי זאָל עס זיין, אפילו ווען דער מענש העמפפט אמאל מיט אַלע זיינע כוחות דאגעגען.

אלזאָ, אין אזא פאל, ברעכט צוזאמען דיא הארמאָניע צווישען דיא פעראייניגטע מאן אונד פרוי אונד ער אָדער זיא, אָדער ביידע, ציהען צו זייערע נייגונגען אונד האסען דאס, וואס זייערע נאטור וויל ניט, אָבער זייא קענען זיך ניט שיידען אויסאנאנדער. פאר אלעמען קומט דיא זאָרג פאר קינדער, וועלכע קענען זאָנסט פיעללייכט ניט בעזאָרגט ווערען, ווען דער אנערקענטער פאטער אונד מוטער לעבען ניט צוזאמען, דאן קומט דיא מיינונג פון דיא מיט־מענשען; כמעט יעדער זאגט, אז עס דארף אזוי ניט זיין, אָבוואָהל קיינער וואָלט אנדערש ניט געקענט האנדלען אונטער עהנליכע אומשטענדען.

עס ענטשטעהט אלזאָ א פערביטערטעס לעבען, אונד, ווען דער מאן אָדער דיא פרוי האבען ניט דעם מוטה אָדער שוואכהייט, אָבצוברעכען איינער פון אנאנדער אונד נאכגעהען נאטור'ס נייגונג, פיהרען זייא אָב צוזאמען א שוידערהאפטעס אונד פערביטערטס לעבען.

אונז קומט אנדערש ניט אויס וויא צו זאגען, אז דיא נאטור איז שרעקליך ראכזיכטיג, אונד זיא איז זיך פידכטערליך נוקם אן דיעזע וואס וויכען ניט בעפאָלגען איהרע נייגונגען.

דיעזע מהאטזאכע צווינגט אונז צו שטעלען דיא פראגע: איז אזא איינפיהרונג געזעלשאפטליך? מיר קענען דארויף ניט ענטפערן: יא, דען דאס וואָלט געווען א ווידערשפרוך צו דער נאטור, וועלכע ווידערשפרעכט זיך ניט. דיא געזעלשאפט איז א וואונש פון דער נאטור מיר זאָלען עקזיסטירען, דיא געשלעכטליכע ליעבע איז אויך דאסזעלבע, אלזאָ וויא קומט עס דיא געזעלשאפט זאָל האנדלען געגען געשלעכטליכער ליעבע, אָדער געשלעכטליכע ליעבע געגען געזעלשאפט?

דארויף זינען מיר געצוואונגען צו ענטפערן, אז דאס איז איין עקאָנאָמישע פראגע וואס דיא מענשען זעלבסט, אין זייערע פיעלע אירטהימער, האבען געשאפען.

ווען קינדער וואָלטען געווען אונאבהענגיג בלויז פון צווייא פערזאָנען, — וועלכע רופען זיך עלטערן, — אונד א פרוי וואָלט געווען אונאבהענגיג פון דעם וואס רופט זיך איהר מאן, דאן וואָלט ערשטענס דיא געזעלשאפט פערשטערקערט געוואָרען, אונד צווייטענס, וואָלטען דיא נייגונגען אין דער נאטור אונד פון דער נאטור, ניט געדארפט געשטעלט ווערען דורך עקאָנאָמישע צושטענדען.

דרייצעהנטעס קאפיטעל.

שעהנהייט אין דער נאטור.

אין דיא אנציהונגען פון דער נאטור פון צובינדען צום לעבען, ערבליקען מיר אזוי פיעלע געהיימניסע, צו וועלכע מיר האבען נאך ניט געפונען קיין שליסעל פיר אויפלעזונג.

אונזערע חושים האבען געוויסע בעגריפע אויפגעפאסט, וועלכע בילדען אנגענעהמע אונד אונאנגענעהמע בעגריפע אדער געפיהלע. דער חוש פון שמעקען, לאמיר זאגען, ליעבט פארפום אבער ער פערדאמט שמוטץ. ווארום פערדאמט ער שמוטץ? דער ענטפער איז, ווייל שמוטץ איז שעדליך פיר אונזער קערפער אונד דער גערוך איז דערפאר אונאנגענעהם. יעדער פראצעס פון פוילען ארבייט איבער דעם געגענשטאנד אין א מין שטאף וואס מיר רופען אן שמוטץ, דאגעגען ווידער זיינען פערהאנדען איבערגעפוילטע געגענשטענדע, וועלכע זיינען פאר אונז גאנץ גוט, אונד דערפאר, זעהען מיר, האט דיא נאטור זייא געגעבען איין אנגענעהמען גערוך — וועניגסטענס אנגענעהם פיר אונזער חוש פון שמעקען.

עס זיינען פערהאנדען דיא בייטעל־טהיערע, וואס זייער איינציגע וואפען בעשטעהט אין דעם וואס זייא בעשפריטצען זייער שונא מיט אזא זאפט פון דעם בייטעל, וועלכער איז זעהר א שלעכטער שטאף. אבער אונטער דיעזע בייטעלטהיערע איז פערהאנדען צוויערלייא זאפט, איינער וואס שטינקט פיר אונז חוש הריח אונד דער אנדערער וואס שמעקט. א כעמישע אונטערזוכונג האט בעוויזען, אז דער שטינקענדער זאפט ענטהאלטעט פיר אונז, מענשען, א געפעהרליכען שטאף, אונד דער וואס שמעקט אונז, ענטהאלטעט א געזונדען שטאף.

אלזא, דיא נאטור זעלבסט האט שוין געזארגט, אז אונזערע חושים זאלען דאס געפעהרליכע פיר אונז פערדאמען אונד דאס גוטע מקרב זיין.

אונזער חוש פון זעהען האט אין זיך אויך אזעלכע אייגענשאפטען. איבער אונז מאכט איין איינדרוק דאס וואס איז שעהן. מיר קענען אבער ניט זאגען, אז דאס וואס ערשיינט אונז פאר שעהן איז ווירקליך שעהן; דאס שעהנע האט אין זיך פריהער דאס ניטצליכע פיר אונז, אונד דערפאר האט עס דיא נאטור געמאכט פאר אנגענעהם.

מיר זאגען, אז א פרויענצימער איז שעהן, ווארום? מיר אורטהיילען אזוי, ווייל דער חוש פון זעהען ברענגט ארויס אזא רעזולטאט. מיר בעוואונדערן אין א

פרויענצימער איהרע גלייך־געפאָרמטע גליעדער, איהרע גלענצענדע אויגען, איהר צאַרטע הויט, איהר גליקליכען שמייכעל, איהר אנציהענדעס געזיכט, א. ז. וו. מיר זאָגען, אז דאס איז שעהן, ווייל אונז געפעלט עס. מיר אַקצעפּטיר'ען דאס פאר שעהן, ווייל אזא פרויענצימער רעפּרעזענטירט דיא יוגענד, דיא קראַפט, דיא פרויענשאַפט, וועלכע איז פּאַסענד צו פּראָדוצירען געזונדע אונד פאָלקאָמענע קינדער. אָבער איז דאס ווירקליך דיא שעהנהייט?

עס ווערט אונז מיטגעטהיילט, דאס בשעת דיא ענגלענדער האבען צום ערשטע מאל בעזיעגט דאס מאטאבעלאַ־לאַנד אין אפריקא אונד בעזעטצט דיא געגענד מיט מיליטער, האבען דיא ענגלישע אָפיצירען אָנגעפאַנגען ארונטער צו ברענגען זייערע פרויען אהין. איין ענגלישער קאָלאָנעל, וועלכער איז געוועזען גוט בעקאַנט מיט א שווארצען הויפּטמאַן, האט אין א טאָג פאָרגעשטעלט פאר דעם שווארצען זיין פרוי. דעם קאָלאָנעל'ס פרוי איז געוועזען א יונגע דאמע פון א יאָהר 25, וועלכע האט געהאט א שפּאַנישע מוטער אונד איין ענגלישען פאטער. זיא איז געוועזען א וואונדער שעהנעס פרויענצימער.

נאכדעם וויא דער הויפּטמאַן איז געבליעבען אליין מיט דעם קאָלאָנעל, האט ער צו איהם געזאגט:

„זעהט, מיר שווארצע בעוואונדערן אייך ענגלענדער; איהר זייט קלוג, שאַרפזיניג אונד האט גוטע ביקסען מיט קאַנאָנען צו הרג'ענען א סך מענשען מיט איינמאל. אָבער איך קען ניט בעגרייפען אייער עקעלהאַפטען געשמאַק אין א פרויענצימער. לויט וויא איך פערשטעה, האט איהר מיר פאָרגעשטעלט אייער פרוי, מיר צו ווייזען איהר שעהנהייט, אונד איהר זעהט אויס שטערבליך פערליעבט אין איהר. עס איז דאסזעלבע מיט דיא אנדערע ענגלישע אָפיצירען אונד זייערע פרויען. אָבער איך קען ניט בעגרייפען וויא אזוי א מאַן מיט שכל קען ליעבען א פרויענצימער וואס איז גראד וויא א שטעקען, איין איינגעצויגענע טאַליע, בלאַסעס געזיכט, דינע ליפּען אונד גלאַט עפּעס א מין פערזעהעניש. זעהט, בייא אונז, א פרויענצימער, איז א פערגניגען אויף איהר צו קוקען. זיא איז ברייט, פעט, גרויסע ברוסטען, איין ענטוויקעלטען בויך, פעטע באַקען, אונד צוויא ליפּען, גרויס, רונד אונד דיק, אז יעס איז מחיה נפשות צו כאַפּען א קוש פון אזעלכע ליפּען."

דער שווארצער האט געאורטהיילט שעהנהייט פון זיין שטאַנדפּונקט: דיא נעגערין איז בייא איהם ערשיענען אלס דיא פאָלקאָמענע שעהנהייט. דער ענגלישער קאָלאָנעל האט געוויס פון איהם געלאכט, אָבער דאסזעלבע האט אויך געטהאָן דער נעגער.

מיר ליעבען דאס, וואס דיא נאטור האט פיר אונז בעשטימט, אונד מיר גע־פינען שעהנהייט אין דעם, וואס דיא נאטור וויל מיר זאָלען בעוואונדערן.

אויב דאס איז ווירקליך שעהן וואס אונז ערשיינט אלס שעהן, דאס וויסען מיר ניט.

מיר ווערען ענטציקט פון א זוננאויפגאנג; מיר בליקען צו דיא שטראהלען פון דער זונן וויא זייא צוגיסען זיך אין גאָלדענע שטראָמען איבער דיא בערג, בוימער, פעלדער אונד גערטנער.

מיר ווערען בעגייסטערט זעהענדיג א זוננאונטערגאנג, אונד אונז ערשיינט עס, גלייך וויא א גאָלדענער לאָמפּ זינקט הינטער דיא בערג אונד לאָזט צוריק פריעדען, גליק אונד זעגען אויף דער וועלט.

ווען מיר ערבליקען דיא גרינע לאָנקעס, דיא בלומען־בעטען אונד מיר הערען דיא פייגעלעך אָבגעבען קאָנצערט אויף דיא גרין־געקרוינטע צווייגען, דאן עפענען מיר אונזער מויל אונד אונז זעהט עס אויס, גלייך וויא מיר ווילען איינאטהמען דיא הערדליכע נאטור מיט דיא טענער פון דיא פייגעלעך.

איז יעדער מענש אזוי? בעוואונדערט אירגענד א מענש דיא נאקעטע נאטור אין איהר ווילדקייט? בעגייסטערט יעדען מענשען דיא שטילקייט פון נאטור'ס שלאָף אונד דאס סוד'ען זיך פון דיא בלומען?

ניין! דיא שעהנהייט מאכט נאָר דעם איינדרוק אויף דעם מענשען, וועלכער האט געלעבט מיט דער שטילער נאטור פון זיין יוגענד אָן. עס געבען דאגעגען אנדערע מענשען, אויך געפיהלפאָל, וועלכע זעהען ניט מעהר וויא א פוסטקייט, ווילדקייט אונד אונאנגענעהמע שטילקייט אין דיזע בילדער. דאגעגען וויעדער, פערהערדליכט אזעלכער דיא הויכע מהורמס וואס מענשליכע הענד האבען גע־שאפען, דיא ריעזיגע הייזער אונד פעסטונגען וואס מענשליכע געהירן האבען גע־פּלאנט.

ווארום איז דאס? דער ענטפער דארויף ליעגט אין דיא אומגעבונגען פון דעם מענשען, וואו ער איז געבוירען אונד וואו ער איז געוואָקסט געוואָרען. דיא נאטור איז דאָרט שעהן, וואו דער מענש געפינט זיך; זיא מאכט זיך אנגענעהם איבעראל לויט נאך דיא אומשטענדען.

מען דערצעהלט פון בילד־הויערס, דאס זייא האבען אויסגעהאקט פון מארמאָר פיגורען לויט דעם מאָדעל פון שעהנע פרויענצימער. וועהרענד דאס שעהנע פרויענ־צימער איז פאר איהם געשטאנען גאנץ נאקעט וויא דיא מוטער האט זיא געבוירען,

האט עס דעם קינסטלער גאר ניט בעקימערט. דאגעגען אָבער, ווען ער האט פערטיג געמאכט זיין ארבייט, האט ער מיט איין אויסעראָרענטליכע ליידענשאפט געקושט דעם קאַלטען מארמאָר. נאך מעהר, עס זיינען פערהאנדען פריוואט־מענשען, וואס וועלען מעהר בעוואונדערן דיא שעהנהייט פון א פרויענצימער אויף א בילד אונד אין א פיגור, אלס דיא ווירקליכע לעבעדיגע שעהנהייט.

דיעזע קינסטלער אָדער ליעבהאבער פון קונסט, האבען זייערע געדאנקען קאָנצענטרירט אויף דער אָבבילדונג פון שעהנהייט, אונד דערפאר ערשיינט זייא דיעזע אבבילדונג אלס דיא ווירקליכע שעהנהייט.

אין זאָלכע פעלע בלייבען מיר שטעהען פערווירט אונד מיר בעגרייפען ניט: דיא נאטור האט, וויא עס שיינט, געלאָזען אלעס ערשיינען אלס שעהן, וועלכעס איז אונז ניטצליך, וויא קומט עס אלזאָ וואס דער קינסטלער געפינט דיא ריכטיגע שעהנהייט אין דעם קאַלטען אונד הארטען מארמאָר, אנשטאט אין דעם ווארעמען אונד צארטען קערפער פון א יונגע פרוי?

אָבער דיעזע קליינע געהיימניסע אין דער נאטור, שטערען אונז נאך ניט צו בעגרייפען דיא הויכע אבזיכט אין נאטור'ס שטרעבונגען. עס בלייבט זיך א טהאַט־זאכע, אז דיא נאטור לאָזט פאר אונז ערשיינען דאס ניטצליכע אלס שעהן אונד אנגענעהם, דאמיט אונז מעהר צו צובינדען צום לעבען אונד צו איהרע צוועקען.

דיא שעהנהייט אין דער נאטור איז צוליעב דעם, אז מיר זאָלען איינשטימען, אז דאס לעבען איז ווערט צום לעבען, אונד דאס ערשיינט פאר אונז אלס שעהן, וועלכעס מיר ערבליקען אין אונזער געגענווארט אָדער נאכבארשאפט.

אָבער דיא נאטור האט אין איהרע פאָרמען אויך העססליכקייט. יעדער האט פיינד דעם שטיקענדען, לופט־געפרעססטען אונד שמוטציגען קאנאל, ווייל ער איז אונז שעדליך, מיר קענען דאָרט ניט לעבען. עס איז גראדע וויא דער שמוטץ־וואָרעם האסט דאס ליכט אונד דיא טרוקענע ווארעמקייט, וואס זיינען פיר איהם שעדליך.

דיא נאטור האט איינגעאָרדנעט אלעס נאך איהר ווילען, וואס איינעם ערשיינט אלס גוט, שעהן אונד ליעב, ערשיינט דער אנדערער בריאה אלס שלעכט, מיאוס אונד פעראכטעט.

פיערצעהנטעס קאפיטעל.

דיא העכסטע ליעבע.

אונזער אויפגאבע ביז יעטצט איז געווען, פעסטצושטעלען, אז אלע ליעבעס האבען צוויא אבזיכטען מיט איין צוועק. איין אבזיכט איז דיא פארטפלאנצונג, אונד דיא צווייטע אבזיכט איז, דאס לעבען זאל זיין אנגענעהם אונד מען זאל וועלען לעבען. צוזאמען איז דער ציעל, דאס מען זאל עקזיסטירען.

אבער דיעזע אלע זיינען נאר מיטלען צום צוועק. דיא נאטור האט א גע־ווימען צוועק צו ערדייכען מיט דער עקזיסטענץ פון איהרע ברואים, אונד דאפיר האט זיא איינגעפלאנצט דיא פערשיעדענע ליעבעס אום דיא עקזיסטענץ פעסט צו האלטען.

ווען מיר האבען נים קיין מעות, דאן איז נאטור'ס צוועק, אז דיא ברואים זאלען פערפיינערט אונד פערבעסערט ווערען, אונד ערדייכען א געוויסען פונקט פון פאלקאמענהיים.

ווען מיר געבען זיך א פרעגע: וואס שטעהט אין נאטור'ס וועג צו ערדייכען דיעזען פונקט דער פאלקאמענהיים? אדער, בעסער געזאגט, צו וואס שטרעבט דיא נאטור?

ווען מיר בליקען מיט אפענע אויגען אונד מיט א קלארען פערשטאנד, דאן בעגרייפען מיר, אז דיעזער פונקט דער פאלקאמענהייט אין מענשען, וועלכער איז אויף דיעזער ערד דער פאלקאמענסטער אונטער דיא ברואים, בעשטעהט אין דעם וואס מיר זאלען בילדען איין גרופע גליקליכע אונד ליעבענדע ברואים, וועלכע זאלען אימשטאנדע זיין צו בענוטצען זייער געהירן־מאשינע אהנע געשטערט צו זיין פון דיא זארגען וועגען דעם קערפער.

דיא נאטור איז רייך, פרייגעביג אונד שענקט אלעס אין איבערפלוס. דיא מוטער ערד פראדוצירט אלעס וואס דער מענש בעדארף, נאך מיט א צוגאב. אבער דיא מענשען פערברענגען יעטצט מעהר זייער צייט אין בערויבען איינער דעם צווייטען, אלס אין זארגען פיר דעם צוועק דער נאטור.

דיא מענשען, וועלכע בילדען איין גרופע מיט גלייכע יחוסים, האבען איינגע־פיהרט פאטריאטיזמוס, נאציאנאליטעט, רעליגיאן, גלויבען, אבערגלויבען, פאנטאזיע אונד גלאט דומהיים. איין „יחסן" שטעלט זיך אוועק מיט א ביקס אונד זאגט: „דיעזער פלאטץ איז מיין פאטערלאנד, אונד ווער עס גרייפט דאס אן, דעם וועל

איך ניעדערשיסען." איין אנדערער האט אָנגעצונדען א פייער אונד זאגט: „ווער עס וועט בעהויפּטען, אז מיין גלויבען אָדער רעליגיאָן איז ניט דער ריכטיגער, דעם פערברען איך." א דריטער פערברענגט זיין גאנצעס לעבען אין אינטריגען אונד זאָגסט געמיינהייט, צו רודף'ן דעם אנדערן וואס דענקט ניט וויא ער. א פיערטער בעהויפּטעט, אז לויט געוויסע רעכטע, וועלכע ער האט זעלבסט געשאפען, דארף ער אוועק נעהמען ניט נאָר דיא ליעבע פון זיין מיט־מענשען, זאָנדערן אויך זיין האָרעוואניע, וועהרענד ער אַליין לעבט זיך אָהן זאָרג פיר דעם מאָרגעדיגען טאָג, אָבוואָהל ער האט הײַנט ניט געאַרבייט.

מענשען בויען קריעגס־שיפען, גיסען קאַנאָנען, שמיעדען שווערטען אונד פאַבריצירען דינאמיט, אום צו טויטען זייערע מיט־מענשען, וועלכעס איז געגען אלע געזעטצע אין דער נאַטור אונד געגען דעם יושר פון מענש.

מענשען רויבען, מאָרדען, בעטריגען, שענדען אונד בעליידיגען איינער דעם צווייטען, אבי איינער זאָל לעבען אויף דעם אנדערן'ס חשבון; מענשען רוהען ניט אום צוריק צו האלטען נאטור'ס ציעל פון מענשליכער פאָלקאָמענהייט.

אנשטאט מיר זאָלען צייט האבען צו דענקען אינד טראַכטען, אום אויסצו־ארבייטען אונזער געהירן־מאשינע, ערגרינדען דיא געהיימניסע דער נאַטור, אונד לעבען צוזאמען פריעדליך, גליקליך אונד רוהיג, דרעהען מיר אַלץ אום נאַטור'ס ראָד אונד ווילען אימער געהען ריקווערקט צו יענעם צושטאנד פון בעסטיאַליטעט, ווען איינער האט אויפגעגרעסען דעם צווייטע׳.

אונזער גאַנצעס שטרעבען, לויט וויא עס שיינט, איז נאָר צו ליעבען דעם מענשען'ס נשמה, ניט זיין קערפּער; איהם צו בעזאָרגען מיט א „יענע וועלט," ניט מיט דיעזער וועלט; איהם צו צוזאָגען שפּייזען אויף נאָך'ן טויט, ניט וועהרענד ער איז דאָ הונגריג; איהם אָנצופילען מיט פאַנטאַזיען פון קראַנקע געהירן, אונד ניט איינפלאַנצען ריינעס אונד וואהרעס דענקען.

מיר בעניטצען זיך מיט דער דומהייט, אונערפאהרענהייט אונד נאַרישקייט פון אונזער מיט־מענשען, אום איהם צו קענען פערשקלאַפען. מיר זעהען אויס אלע צוזאמען וויא א טייך מיט רויב־פיש, וואו איינער יאָגט נאָך דעם צווייטען אום איהם צו פערשלינגען.

מיר פערגעסען אַן דיא רייכטהימער אין דער נאַטור, מיר ווילען ניט וויסען פון אונזער גלייכהייט אלס ברואים פון איין מין, מיר זעהען ניט דיא שטרעבענדע נאַטור אין אונז, מיר קוקען אוועק פון אונזער גליק, אונד מיר לויפען אַלץ אהין וואו איינער זאָל קענען דעם צווייטען בייסען, רייסען, צופּען אונד איינשלינגען.

ניין! ניט דאס איז נאטור'ס צוועק, אונד ניט אהין יאָגען אונז דיא כוואַלעס פון דער צייט!

ווען מיר בליקען אויף דיעזען צושטאנד אונד מיר בעגרייפען איהם; ווען מיר קוקען אויף דיעזער סצענע אונד מיר דורכדרינגען זיא, דאן ווערען מיר פערצווייפעלט פון דיעזען שוידערהאפטען אונד ווילדען צושטאנד, אונד מיר מוזען ליידער צונעבען, אז מיר זיינען נאך זעהר ווייט פון דעם ציעל, צו וועלכען דיא נאטור האט אונז בעשטימט.

אין אונזער ווילדער יאגד פון לעבען, פערמיאוס'ען מיר דאס, וואס דיא נאטור האט געוואָלט עס זאָל אונז ערשיינען אלס שעהן; מיר טרעטען מיט דיא פיס דיא הייליגסטע ליעבעס געפיהלע; מיר צעררייסען דאס צערטליכע הערץ, אונד פער־וואנדלען עדעלמוטה, עהרליכקייט אונד ליעבליכקייט, אין גראָבהייט, ניעדערטרעכ־טיגקייט אונד האַס.

„אך!“ רופט אוים דער דענקענדער מענש, „וויא ווייט, וויא ווייט איך שטעה נאך פון מיין ציעל! איך, מיט מיין עקזיסטירענדער פאָרמע, וועל שוין ניט דערלעבען יענע צייט, ווען גליק אונד זעגען זאָלען קרוינען דאס מענשליכע לעבען.“

דער אדוואָקאט וואס פערטהיידיגט דיא מענשליכע רעכטע, שטודירט וויא צו מאכען דעם ליעגען טריומפירענד; דער ארצט וואס שטודירט דיא מענשליכע ליידען אום זייא אָבצושאפען, איז געצוואונגען צו האנדלען געגען דיא פרינציפען פון זיין פראָפעסיאָן, ווייל ער מוז קעמפפען געגען דיא אנדערע רויב־טהיערע; דער אינושעניער וואס דארף ערפינדען מאשינערייא אום צו פערלייכטערן מענשליכע ארבייט, מוז פערווענדען זיין גייסטיגע קראפט אום אויסצוגעפינען בעסערע קאנאָנען אונד ביקסען; דער ליטעראט וואס זאָל פערזיסען דעם מענשען'ס זעעלע מיט זיינע געדאנקען, דער דיכטער וואס זאָל ערהעבען דעם מענשען'ס זעעלע מיט זיינע בע־גייסטערונגען — אלעס, אלעס מוז פאלען אלס אָפפער צו דער אונגלייכהייט אין דער מענשליכער געזעלשאַפט!

וויא טרויעריג דאס איז!

אָבער דיא נאטור האט שוין בעזיעגט א סך הינדערניסע, אונד זיא מוז אונד וועט אויך דיעזע בעזיעגען!

דער ציעל דער מענשהייט איז א פעראייניגונג פון א גרופע ברואים וואו איינער זאָל זאָרגען פאר אלע אונד אלע פאר איינעם. נאטור'ס צוועק איז, מיר

זאָלען אויפהערען צו זאָרגען דאפיר וואס מיר דארפען נים זאָרגען אונד בילדען איין גרופע ליעבענדע אונד טרייע מיטגליעדער וואס איינער זאָל לעבען אין צווייטען׳ס גליק אונד דאמיט זאָלען אלע גליקליך זיין.

יא, דיא נאטור האט בעזיעגט אונד וועט בעזיעגען נאך גרעסערע הינדערניסע, אונד אויך דיעזע הינדערניס מוז זייא איבערשטייגען.

מיר זעהען דערפאר אויפשטייגען, אין דיעזען וויטהענדען אונד ברויזענדען ים פון א ווילדער מענשהייט, צייטענווייז א בערוהיגענדע וועללע, וועלכע בריייטעט זיך אויס אונד פערשפרייט זיך אויף דעם שטירמישען ים אונד גיבט דער שיף פון לעבען א מאָמענט פון רוהע. מיר ערבליקען אין דיעזער פינסטערע אונד שטירמישע נאכט צייטענווייז ערשיינען א ליכט, וועלכעס בעלייכטעט דעם פינסטערן וועג אונד פיהרט דיא מענשהייט צו איהר ציעל, צו איהר צוועק אונד צו נאטור׳ס אבזיכט.

דיא בערוהיגענדע וועללע אונד דיעזעס גלענצענדע ליכט, זיינען דיא איינציגע עדעלע אונד ליעבענדע מענשען־זעעלען, וואס ערשיינען אין אונזער מיטע, צווישען דיעזע מענשען פון לוג אונד בעטרוג, וועלכע בעגרייפען נאטור׳ס צוועק, אונד זייא ציינען איהם דער מענשהייט.

דיא ברוסט פון אזא מענשען איז פולל מיט דער עדעלסטער אונד געפיהל־פאָלסטער ליעבע צו זיינע ליידענדע מיט־מענשען.

אזא הערדליכער מענשען־גייסט, וויינט אויף דעם שיקזאל פון דער ליידענדער, דומער אונד נארישער מענשהייט ; ער בעדויערט זייער שוואכהיים אונד בעקלאגט זייער ערניעדריגונג.

ער וויל זעהען אלעמען גליקליך, ער וויל זעהען אלעמען צופריעדען, אָבער, ווען ער זעהט דאס נים, דאן טרויערט אין איהם זיין זעעלע. אזא מענש בעטראכטעט אלע מענשען אלס זיינע פריינדע, ברידער אונד געליעבטע קאמעראדען. ער אליין פערגעסט אן זיין „איך“, אונד ווייס נאָר, אז ער איז געבוירען געוואָרען צו זאָרגען פיר דער אלגעמיינהייט, פיר אלע מענשען.

דאס איז דער מענש פון דער גליקליכער צוקונפט, אונד וואס דיא מענשהייט ווערט אלץ עלטער, אלץ מעהר ווערט דער צאָהל פון דיעזע עדעלע ברואים.

אזא מענש שפירט, פון דעם נאטור־טריעב זעלבסט, אז אונזער געזעלשאפט, אונזער אָרדנונג אונד פיהרונג, איז פאלש אונד פעראונגליקט דיא מענשהייט. זיין ערהאבענער גייסט בליקט צו נאטור׳ס ציעל, צו נאטור׳ס צוועק, ווען ליעבע, טריי־הייט אונד איבערגעבענהייט זאָל פעראייניגען דיא גאנצע מענשהייט.

אָבער, צו אונזער בעדויערן, איז דיא בעסטיע וואס ליעגט אין מענשען, נאָך אזוי שטאַרק אונד מעכטיג, דאס מיר מוזען מאנכע מאל פערלירען אונזער האָפנונג. דאכט זיך דער הונד דערקענט גאנץ גוט זיין פריינד אונד דיא קאַטץ איהר וואָהל־טהעטער. מיט דעם מענשען, פאָרלויפיג, איז עס זעלטען דער פאַלל.

ווען איינער ערשיינט אונד שרייט אוים : „עס איז אונרעכט, דאס א געוויסע קלאַסע מענשען זאָלען גאר ניט טהון אונד אלעס האבען, ווערהענד א צווייטע קלאַסע זאָל אלעס טהון אונד ניט האבען אפילו צום לעבען. ניין! ניט אזוי דאַרף עס זיין, דיא מענשהייט מוז צוזאמען ווירקען, פיר דאס אלגעמיינע וואָהל, פיר דאס אלגעמיינע גליק, אונד דיא ליעבע זעלבסט זאָל אונז רעגיערען!“

מיר וואָלטען דאַן בעדאַרפט ערוואַרטען, אז וועניגסטענס דיא פערפאָלגטע אונד אונטערדריקטע זאָלען אנערקענען דיעזע גרויסע וואהרהייט, אָבער אנשטאַט דעם זאגען דיא „פריווילעגירטע“ קלאַסען, אז אזעלכער וואס פּרעדיגט אזוינע לעהרען, איז שעדליך פיר דער מענשהייט אונד ער מוז שטאַרבען. דיא בערויבטע שקלאַפען זעלבסט, פיר וועמען דער עדעלער האט געפּרעדיגט, ווערען דיא ווערק־צייגען פון דיא גרויסע רויבער, אונד מאָרדען דעם עדעלען גייסט.

אָך, וויא טרויעריג דאס איז!

אָבער דיא ליכטער האבען אָנגעפאַנגען צו ערשיינען עפטער, דיא וואהרע מענשען האבען אָנגעהויבען פּראָדוצירט צו ווערען אין גרעסערע צאָהלען, אונד דער ציעל דער מענשהייט רוקט אליץ אָן נעהנטער.

דיעזער הויכער אונד עדעלער גייסט, וועלכען'ס גאנצע ברוסט איז אויסגעפילט נאָר מיט דיא געפיהלע אונד ליעבע צו זיינע מיט־מענשען, שטאַרבט גליקליך אונד צופריעדען, פערצייהענד אונד פערגעבענד, זאָלאנג ער וויים נאָר, אז ער האט בייגע־שטייערט צום גליק דער מענשהייט.

אָט דיעזע ליעבע צו יעדען, צו אלע מענשען, צו אלעם וואס לעבט אונד אטהעמט, — דאס איז דיא רייננסטע אונד געלייטערטע ליעבע; דאס איז דיא ליעבע וואס יעדער מענש וועט אמאל מוזען בעזיטצען, אונד, דאס איז דיא העכסטע ליעבע, וועלכע איבערשטייגט אלע אנדערע ליעבעס!

ע נ ד ע.

— דער —

אידיש אמעריקאנער רעדנער

א ריעזען ווערק אין אונזער מאמע לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט 600 זייטען אנגעפילט מיט דיא בעסטע און פאפולערסטע רעדעס געשריבען אין די שעהנסטע און דייטליכסטע אידיש, פון די גרעסטע אידישע רעדנער אין אמעריקא, ווי אויך פון דיא בעריהמטע אידישע שריפט־שטעללער, וועלכע האבען ספעציעל געשריבען פאר דיעזע ענציקלאפעדיע פון רעדנער קונסט וואס וועט בלייבען אלס דער שעהנסטער מאנומענט פון קונסט אין אונזער מאמע לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט א גרויסע הקדמה איבער די קונסט פון האלטען א רעדע וויא אויך פיעלע רעדעס צו האלטען ביי א ברית, א מזל־טוב, א פדיון הבן, א בר מצוה, א תנאים, א חתונה, זילבערנע און גאלדערנע האכצייטען, ביי א לויה, שטעלען א מצבה, חנוך הגדר א. ז. וו.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט אויך פרעכטיגע רעדעס פיר לאדזשען, פעראיינען, קלאבס, געבורטס־טאג פארטיעס, סיום התורה און ציוניזמוס, רעדעס פיר יוניאנס און העכסט בעלעהרענדע פאטריאטישע רעדעס פיר אללע אידישע ימים־טובים צו האלטען אין שוהל און אין האלל, וויא אויך א בוקעט הומאריסטישע רעדעס צום לאכען ביי געוויסע געלעגענהייטען.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, איז רעדאקטירט פון פראפעסאר ג. זעליקאוויץ, (סמבטיון, ליטווישער פילאזאף) וועלכער האט אלס רעדאקטאר פון בוך, אליין אויך געשריבען צעהנדליגע רעדעס פיר יעדע געלעגנהייט.

ענגלישע רעדעס.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער האט אויך א ביילאגע פון פערשיעדענע ענגלישע רעדעס, פיר אמעריקאנאזירטע אידען וועלכע קענען שוין רעדען אין דער לאנד'ס שפראכע, דיעזע ענגלישע רעדעס זיינען גענומען פון די בעסטע און גרעסטע אמעריקאנער רעדנער ביכער און בעארבייטעט נאכ'ן אידישען געשמאק.

בר־מצוה רעדעס.

א בעזונדער טהייל פון דעם **אידיש אמעריקאנער רעדנער,** איז געווידמעט פיר בר־מצוה רעדעס, וואס יעדע פון זייא איז א פערל, און געשריעבען פון דיא גרעסטע פאבליציסטען און פעדאגאגען. די בר מצוה רעדעס זיינען אין 3 פערשיעדענע שפראכען אין אידיש ענגליש און העברעאיש.

פרייז פיר דעם אמעריקאנער רעדנער מיט דיא בר מצוה רעדעס **150**

פרייז פיר די בר־מצוה רעדעס אליין, פאפיער באנד 35, קלאטה באנד, **50**

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער,

היברו פאבלישינג קאמפאני,

83־85־87 קאנאל סטריט, **נויארק.**

לעצטע שריפטען

— פון —

מענדעלי מוכר ספרים.

(ש. י. אבראמאוויץ)

דיא לעצטע שריפטען איז א זאמלונג פון פערשיעדענע זשורנאַלען אונד ציימונגען וואו דער פאטער פון דער אידישער ליטעראטור ש. י. אבראמאוויץ האט אין דער לעצטער צייט געשריבען.

יעדע פון די שריפטען איז א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אידישען לעבען אונד ווירקען אין רוסלאנד, אונד אין דער זעלבער צייט איז עס פול מיט הומאר, וויטץ אונד שארפזינן אונד זעהר אינטערעסאנט אונד שפאַנענד צו לעזען.

אין איינע פון דיא שריפטען ווערט געשילדערט מיט דער קראפט פון מענדעלי'ס פעדער די לעצטע אידישע צרות אונד פאגראמען אין רוסלאנד, אונד דיעזע שילדערונג אַליין איבערשטייגט אַללעס וואס ער האָט פאָרהער געשריבען, אפילו פון זיינע צוויי בעריהמטע ווערק ווי דיא „קליאטשע" אונד „פישקע דער קרומער" עס איז א קונסט ווערק אונד עס איז ווערטה צו לעזען אונד שטודירען.

פרייז 35 סענט (פארטא פרייא)

צו בעקומען ביי אלע ביכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street New York.

נייע ביכער יעצט ערשיענען

דער

≡ סיטיזען ≡

נאכ'ן נייעם געזעץ

פון אלעקסאנדער הארקאווי.

אלע נייע געזעצע וועלכע זיינען אריין אין קראפט דעם 27טען סעפטעמבער 1906 מיט די פארמען פון די אפליקיישיאנס וואס עס דארף געמאכט ווערען אום צו ווערען א בירגער אין די יונייטעד סטייטס.

פרייז 5 סענט.

הערשעלע א ראמאן פון קליינשטעדטעלדיגען לעבען אין רוסלאנד. פון יעקב דינעזאהן, פרייז . . . . 25 סענט.

יאסעל'ע איין ערצעהלונג פון ישיבה בחור'שען לעבען אין דער ליטא פון יעקב דינעזאהן, פרייז . . . . 15 סענט.

ישראליק דער משוגענער א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דיא לעצטע פאגראמען אייף יודען אין רוסלאנד, פרייז . . . 10 סענט.

שרעקליכע געהיימניסע א ראמאן וואס איז פול מיט מערקווירדיגע און איבעראשענדע פאסירונגען אונד איז זעהר אינטערעסאנט אונד שפאנענד פון שמ"ר פרייז . . . . 15 סענט.

דער פעדלער א ראמאן פון פעדלערשען לעבען אין אמעריקא פון שמ"ר, פרייז . . . . 15 סענט.

אין שטראם פון רעוואלוציאן א שילדערונג פון דער געגענווערטיגע רעוואלוציאנערע צייט אין רוסלאנד פון מרדכי דאנציס, פרייז 5 סענט.

צו בעקומען בייא אלע בוכהאנדלונגען, און בייא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85 Canal Street, New York.